STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04269

DERTSEYLUNGEN UN NOVELN

Isaac Leib Peretz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק פון „סאָוועטיש היימלאַנד" (89) № 5

ביילאַגע צום זשורנאַל נומ. 5, 1988

י.־ל. פּערעץ

דערציילונגען און נאָוועלן

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" • מאָסקווע • 1988

אונטער דער אלגעמיינער רעדאקציע
פון ארן ווערגעליס

אינהאלט

באָנציע שוויַיג	3
קלאָץ־געשיכטן	14
א קאס פון א יידענע	27
די פרומע קאָץ	34
דער מעשולעך	38
שאָלעם־באיס	48
דאָס שטריַימל	53

באַנציע שווײַג

דאָ, אויף דער־וועלט, האָט באַנציע שווײַגס טויט גאָר קיין אײַנדרוק נישט געמאַכט! פֿרעגט עמעצן בעכיירעם: ווער באַנציע איז געווען, וויאַזוי ער האָט געלעבט, אויף וואָס ער איז געשטאָרבן! צי האָט אים דאָס האַרץ געפּלאַצט, צי די קויכעס זײַנען אים אויסגעגאַנגען, צי דער מאַרך־ביין האָט זיך איבערגעבראָכן אונטער אַ שווערער לאַסט... ווער ווייסט? אפֿשר איז ער גאָר פֿאַר הונגער געשטאָרבן!

אַ פֿערד אין טראַמוויַ זאָל פֿאַלן, וואָלט מען זיך מער אינטערעסירט, עס וואָלטן צײַטונגען געשריבן, הונדערטער מענטשן וואָלטן פֿון אַלע גאַסן געלאָפֿן און די נעווײַלע באַקוקט; באַטראַכט אַפֿילו דאָס אָרט, וווּ די מאַפּאָלע איז געווען...

נאָר דאָס פֿערד אין טראַמוויַ וואָלט אויך די זכיִע ניט געהאַט, עס זאָל זײַן אַזויפֿיל פֿערד ווי מענטשן — טויזנט מיליאָן!

באַנציע האָט שטיל געלעבט און איז שטיל געשטאָרבן; ווי אַ שאָטן איז ער דורך — דורך אונדזער וועלט!

אויף באַנציעס בריס האָט מען קיין ווײַן נישט געטרונקען, עס האָבן קיין קויסעס געקלונגען! צו בארמיצווע[1] האָט ער קיין קלינגענדיקע דראָשע ניט געזאָגט... געלעבט האָט ער ווי אַ גרוי קליין קערנדל זאַמד באַם ברעג פֿון

[1] בארמיצווע (פּוליאַריק אין רעליגיִעזער הינזיכט) ווערט אַ ייִנגל צו 13 יאָר. צו בארמיצווע פֿלעגט אַ ייִנגל זאָגן אַ דראָשע — אַ ספּעציִעל אויסגעלערנטע רעליגיִעז־מאָראַלישע פּרײַדיקונג.

יאם, צווישן מיליאָנען זײַנס גלײַכן; און אז דער ווינט האָט עס אופגעהויבן און אף דער אנדערער זײַט יאם אריבערגעיאָגט, האָט עס קיינער ניט באמערקט!

באם לעבן האָט די נאסע בלאָטע קיין צייכן פון זײַן פוס ניט באהאלטן; נאָכן טויט — האָט דער ווינט דאָס קליינע ברעטל פון זײַן קייווער אומגעוואָרפן; דעם קאברענס[1] ווײַב האָט עס געפונען ווײַט פון קייווער און דערבײַ א טעפל קארטאָפל אָפגעקאָכט... עס איז דרײַ טעג נאָך באָנציעס טויט, פרעגט דעם קאברען בעכיירעם, ווו ער האָט'ן געלייגט!

וואָלט באָנציע א מאצייווע געהאט, וואָלט עפשער איבער הונדערט יאָר אַן אלטערטום־פאָרשער זי געפונען, און דער נאָמען „באָנציע שווײַג" וואָלט נאָך אמאָל איבערגעקלונגען אין אונדזער לופט.

א שאָטן! זײַן פאָטאָגראפיע איז נישט געבליבן בא קיינעם אין מויעך, בא קיינעם אין הארץ; עס איז פון אים קיין זייכער געבליבן!

„קיין קינד, קיין רינד"; עלנט געלעבט — עלנט געשטאָרבן!

ווען נישט דאָס מענטשלעכע גערודער, וואָלט עפשער עמעצער אמאָל דער־הערט, ווי באָנציעס מארך־ביין האָט אונטער דער לאסט געקנאקט; וואָלט די וועלט מער צײַט געהאט, וואָלט עמעצער עפשער אמאָל באמערקט, אז באָנציע (אויך א מענטש) האָט לעבעדיקערהייט צוויי אויסגעלאָשענע אויגן און שרעק־לעך אײַנגעפאלענע באקן; אז אפילע ווען ער האָט גאָר שוין קיין לאסט ניט אף די פלייצעס, איז אים אויך דער קאָפּ צו דער ערד געבויגן, גלײַך ער וואָלט לעבעדיקערהייט זײַן קייווער געזוכט! וואָלטן אזוי ווייניק מענטשן ווי פערד אין טראַמווײַ געווען, וואָלט עפשער עמעצער אמאָל געפרעגט: ווו איז באָנציע אהינגעקומען?!

ווען מע האָט באָנציען אין שפּיטאָל ארײַן געפירט, איז זײַן ווינקל אין סוטערינע[2] ניט ליידיק געבליבן — עס האָבן דערוף צען זײַנס גלײַכן געוואַרט, און צווישן זיך דאָס ווינקל „אין פּלוס" ליציטירט;[3] ווען מע האָט'ן פון שפּי־טאָל־בעט אין טויטן־שטיבל ארײַנגעטראָגן, האָבן אפן בעט צוואַנציק אָרעמע קראנקע געוואַרט... ווען ער איז ארויס פון טויטן־שטיבל — האָט מען צוואַנציק הארוגים פון אונטער אַן אײַנגעפאלן הויז געברענגט — ווער ווייסט ווי לאנג

---

[1] דעם קאברענס — דאָ געמיינט: דעם בעסאלמען־וועכטערס.
[2] סוטערינע — א קעלער.
[3] „אין פלוס" ליציטירט — גלײַך אפן אָרט אויסגעדונגען.

ער וועט רויִק ווינען אין קיִוער? ווער ווייסט, וויפל עס ווארטן שוין אף דעם שטיקל פלאץ...

שטיל געבוירן, שטיל געלעבט, שטיל געשטאָרבן און נאָך שטילער באַגראָבן...

. . . .

נאָר נישט אזוי איז געוועזן אף יענער־וועלט! דאָרטן האָט באָנציעס טויט א גרויסן אײַנדרוק געמאכט!

דער גרויסער שויפער פון מאָשיִעכס צײַטן[1] האָט געקלונגען אין אלע זיבן הימלען: באָנציע שווײַג איז ניפטער[2] געוואָרן! די גרעסטע מאלאָכים מיט די ברייטסטע פליגל זײַנען געפלויגן און איינער האָט דעם אנדערן איבערגעגעבן: באָנציע איז „ניסבאקעש געוואָרן ביִעשיווע־שעל־מײַלע![3] אין גאניידן איז א ראַש, א סימכע, א גערודער: „באָנציע שווײַג! א שפּאס באָנציע שווײַג!!!"

יונגע מאלאָכימלעך מיט בריליאנטענע אייגעלעך, גאָלדענע דראָטארבעטענע פליגעלעך און זילבערנע פאנטאָפעלעך זײַנען באָנציען אקעגנגעלאָפן מיט סימכע! דער גערויש פון די פליגל, דאָס קלאפן פון די פאנטאָפעלעך און דאָס פריילעכע לאכן פון די יונגע, פרישע, רויזיקע מײַלעכלעך האָט פארפולט אלע הימלען און איז צוגעקומען ביז צום קיסיי האקאָוועד[4], און גאָט אליין האָט אויך שוין געוווּסט, אז באָנציע שווײַג קומט!

אווראָם־אָווינו[5] האָט זיך אין טויער פון הימל געשטעלט, די רעכטע האנט אויסגעשטרעקט צום ברייטן „שאָלעם־אלייכעם!" און א זיסער שמייכל שײַנט אזוי העל אף זײַן אלטן פּאָנעם.

וואָס רעדלט אזוי אין הימל?

---

[1] דער גרויסער שויפער פון מאָשיִעכס צײַטן — א רעליגיִעזע לעגענדע וועגן דעם, אז ווען מאָשיִעך (דער געזאלבטער, דער אויסלייזער) וועט קומען צו ראַטעווען די זינדיקע וועלט און צו אומקערן צוריק די ייִדן אין „זייער לאנד" (ערעץ־ייִסראָעל), וועט מען בלאָזן (אפן הימל) אין א גרויסן שויפער (האָרן).

[2] ניפטער געוואָרן — געשטאָרבן.

[3] ניסבאקעש געוואָרן ביִעשיווע־שעל־מײַלע — גערופן (אופגעפאָדערט) געוואָרן אין הימל ארײַן.

[4] קיסיי האקאָוועד — גאָטס שטול.

[5] אווראָם־אָווינו — א ביבליש־לעגענדארע פיגור, רעכנט זיך פארן אורפּאָטער פונעם פאָלק ייִסראָעל (פון די ייִדן).

דאָס האָבן צוויי מאַלאָכים אין גאַניידן פאַר באָנציעס וועגן א גינגאָלדענע פאָטערשטול אף רעדלעך געפירט!

וואָס האָט אזוי העל געבליצט?

דאָס האָט מען דורכגעפירט א גאָלדענע קרוין מיט די טײַערסטע שטיינער געזעצט! אלץ פאַר באָנציען!

— נאָך פאַרן פסאק[1] פון בעסדן־שעל־מײַלע?[2] — פרעגן די צאַדיקים פאַר־וווּנדערט און נישט גאָר אָן קינע.

— אָ! — ענטפערן די מאַלאָכים, — דאָס וועט זײַן א פראָסטע פוסטע פאָר־מע! קעגן באָנציע שווײַג וועט אפילע דער קאַטייגער[3] קיין וואָרט אין מויל נישט געפינען! די דיעלע[4] וועט דויערן פינף מינוט!

— איר שפּילט זיך מיט באָנציע שווײַג?

אז די מאַלאָכימלעך האָבן באָנציען געכאפּט אין דער לופט און אָפּגעשפּילט אים א זעמער[5]; אז אווראָם־אָווינו האָט אים ווי אָן אלטן קאמעראַד[6] די האַנט געשאָקלט; אז ער האָט געהערט, אז זײַן שטול איז גרייט אין גאַניידן; אז אף זײַן קאָפּ וואַרט א קרוין; אז אין בעסדן־שעל־מײַלע וועט מען איבער אים קיין איבעריק וואָרט ניט ריידן — האָט באָנציע, גלײַך ווי אף יענער־וועלט[7], גע־שוויגן פאַר שרעק! עס איז דאָס האַרץ אנטגאַנגען! ער איז זיכער, אז דאָס מוז זײַן א כאָלעם, אָדער א פּראָסטער טאָעס!

ער איז צו ביידע געוווינט! ניט איין מאָל האָט אים אף יענער־וועלט גע־כאָלעמט, אז ער קלײַבט געלט אף דער פּאָדלאָגע, גאַנצע אוצרעס ליגן... און אופגעכאפּט האָט ער זיך נאָך א גרעסערער קאפּצן ווי נעכטן... נישט איין מאָל האָט אים עמעץ בעטאָעס צוגעשמייכלט, א גוט וואָרט געזאָגט און איבערגע־דרייט זיך און אויסגעשפּיגן...

מײַן מאזל, — טראַכט ער, — איז שוין אזוי!

און ער האָט מוירע די אויגן אופצוהייבן, דער כאָלעם זאָל נישט פאַר־שווינדן; ער זאָל זיך נישט אופכאפּן ערגעץ אין א הייל צווישן שלאַנגען און

1 פסאק — אורטייל.

2 בעסדן־שעל־מײַלע — דער אייבערשטער (הימלשער) געריכט.

3 קאַטייגער — פּראָקוראָר.

4 דיעלע — פּראָצעס.

5 זעמער — א געזאַנג.

6 קאמעראַד — כאַווער.

7 גלײַך ווי אף יענער־וועלט — דאָ געמיינט: די ערדישע וועלט.

עגדעשן! ער האָט מוירע פון מויל א קלאנג ארויסצולאָזן, מיט א גליד א ריר צו טאָן — מע זאָל אים נישט דערקענען און אוועקשליידערן אף קאפעקאל...[1]

ער ציטערט און הערט נישט די מאלאָכימס קאָמפּלימענטן, זעט נישט זייער טאנצן ארום אים, ער ענטפערט נישט אווראָם־אָווינו אפן הארצלעכן „שאָלעם־אלייכעם", און — געפירט צום בעסדן־שעל־מײַלע — זאָגט ער אים קיין „גוט־מאָרגן" נישט...

אויסער זיך איז ער פאר שרעק!

און זײַן שרעק איז נאָך גרעסער געוואָרן, אז ער האָט נישט ווילנדיק דערזען די פּאָדלאָגע פון בעסדן־שעל־מײַלע, סאמע אלעבאסטער מיט בריליאנטן! „אף אזא פּאָדלאָגע שטייען מײַנע פיס!" — ער ווערט אינגאנצן פארשטארט. „ווער ווייסט, וועלכן גוויר, וועלכן ראָוו, וועלכן צאדיק מע מיינט... ער וועט קומען — וועט זײַן מײַן פינצטערער סאָף!"

פאר שרעק האָט ער אפילע נישט געהערט, ווי דער פּרעזעס[2] האָט בעפייריעש אויסגערופן: „די דיעלע פון באָנציע שווײַג!", און, דערלאנגענדיק דעם מייליץ־יוישער[3] די אקטן, געזאָגט: „לעז, נאָר בעקיצער!"

מיט באָנציען דרייט זיך דער גאנצער סאלאָן, עס רוישט אים אין די אויערן. אינעם גערויש הערט ער דאָך אלעמאָל שארפער און שארפער דעם מאלעך־מייליצס קאָל, ווי א פידל:

— זײַן נאָמען — הערט ער — האָט אים געפּאסט ווי צו א שלאנק לײַב א קלייד פון אן ארטיסט א שנײַדערס האנט.

— וואָס רעדט ער? — פרעגט זיך באָנציע, און ער הערט, ווי אן אומגעדולדיק קאָל האקט אים איבער און זאָגט:

— נאָר אָן מעשאָלים![4]

— ער האָט זיך קיינמאָל, — הייבט ווײַטער אָן דער מייליץ־יוישער, — אף קיינעם נישט געקלאָגט, נישט אף גאָט, נישט אף לײַט; אין זײַן אויג האָט

---

[1] אוועקשליידערן אף קאפעקאל — א רעליגיעז־מיסטישער באגריף וועגן אזא מין אָפּקומעניש פאר די זינדיקע אף יענער־וועלט, וואָס מע שליידערט זיי קעסיידער פון איין עק וועלט אינעם צווייטן.

[2] פּרעזעס — פּאָרזיצער.

[3] מייליץ־יוישער, מאלעך־מייליץ — דער פארטיידיקער, אדוואָקאט.

[4] מעשאָלים — דאָ געמיינט: פארגלײַכונגען.

קיינמאָל נישט אופגעפלאַמט קיין פונק פון האַס, ער האָט עס קיינמאָל נישט אופגעהויבן מיט אַ פּרעטענזיע צום הימל.

באַנציע פאַרשטייט ווײַטער נישט אַ וואָרט, און דאָס האַרטע קאָל שלאָגט ווײַטער איבער:

— אָן רעטאָריק![1]

— איִעוו[2] האָט נישט אויסגעהאַלטן, ער איז אומגליקלעכער געווען —

— פאַקטן, טרוקענע פאַקטן! — רופט נאָך אומגעדולדיקער דער פּרעזעס.

— צו אַכט טאָג האָט מען אים מאָל געווען —

— נאָר אָן רעאַליזם!

— אַ מויעל אַ פּושער האָט דאָס בלוט ניט פאַרהאַלטן —

— ווײַטער!

— ער האָט אַלץ געשוויגן (פּירט ווײַטער דער מיילך-יוישער), אפילו ווען די מוטער איז אים געשטאָרבן און ער האָט צו דרײַצן יאָר אַ שטיפמאַמע באַקומען... אַ שטיפמאַמע אַ שלאַנג, אַ מאַרשאַס[3]...

— מיינט מען דאָך עפּשער פאַרט מיך? — טראַכט באַנציע —

— אָן אינסינואַציעס[4] אויף דריטע פּערזאָנען, — בייזערט זיך דער פּרעזעס.

— זי פלעגט אים קאַרגן דעם ביסן... אייערנעכטיק פאַרשימלט ברויט... האָר-פלאַקס[5] פאַר פלייש... און זי האָט קאַווע מיט סמעטענע געטרונקען —

— צו דער זאַך! — שרײַט דער פּרעזעס.

— זי האָט אים פאַר דאָס קיין נעגל נישט געקאַרגט און זײַן ברוין-און-בלוי לײַב פלעגט אַרויסקוקן דורך אַלע לעכער פון זײַנע פאַרשימלט-צעריסענע קליידער... ווינטער אין די גרעסטע פרעסט האָט ער איר באַ-יועס אפן הויף האָלץ געהאַקט, און די הענט זײַנען צו יונג און צו שוואַך געווען, די קלעצער צו דיק, די האַק צו שטומפּיק... נישט איין מאָל האָט ער זיך די האַנט פון

---

[1] אָן רעטאָריק — אָן שיינע פּראַזעס.

[2] איִעוו — דער הויפּט-העלד פונעם ביבלישן בוך מיט דעם זעלבן נאָמען. לויט דער ביבלישער לעגענדע האָט גאָט אויסגעפּרווט איִעוס פרומקײַט דורך פאַרשיידענע צאָרעס, וואָס ער האָט אויף אים אָנגעשיקט.

[3] אַ מאַרשאַס — אַ בייזע פרוי.

[4] אינסינואַציעס — רעכילעס.

[5] האָר-פלאַקס — (קאָסע) שפּאָן-אָדער.

די געלענקען אויסגעריסן, נישט איין מאָל האָט ער זיך די פיס אָפּגעפרוירן, נאָר געשוויגן האָט ער, אפילע זיך פארן פאָטער —

— פארן שיקער! — לאכט אריַין דער קאטייגער, און באָנציען ווערט קאלט אין אלע איווּרים —

— נישט געקלאָגט, — ענדיקט דער מייליך־יוישער דעם זאץ.

— און שטענדיק עלנט, — פירט ער וויַיטער, — קיין כאווער, קיין טאַל־מעטוירע,[1] קיין כיידער... קיין גאנץ בעגעד... קיין פריַיע מינוט —

— פּאַקטן! — רופט וויַיטער דער פּרעזעס.

— ער האָט געשוויגן אפילע שפּעטער, ווען דער פּאָטער האָט'ן שיקערער־הייט אמאָל אָנגעכאפּט בא די האָר און אינמיטן א שנייענדיקער ווינטער־נאכט ארויסגעוואָרפן פון שטוב! ער האָט זיך שטיל אופגעהויבן פון שניי און איז אנטלאָפן ווו די אויגן האָבן אים געטראָגן...

אפן גאנצן וועג האָט ער געשוויגן... באם גרעסטן הונגער האָט ער נאָר מיט די אויגן געבעטלט!

ערשט אין א שווינדלדיקער נאסער פרילינג־נאכט איז ער אין א גרויסער שטאָט אריַינגעקומען; ער איז אריַין ווי א טראָפּן אין א יאם און דאָך האָט ער די אייגענע נאכט אין ארעסט פארבראכט... ער האָט געשוויגן, נישט געפרעגט פאר וואָס, פאר ווען? ער איז ארויס און די שווערסטע ארבעט געזוכט! נאָר ער האָט געשוויגן!

שווערער פאר דער ארבעט איז געוועזן זי צו געפינען — ער האָט געשוויגן!

באָדנדיק זיך אין קאלטן שוויס, צוזאמענגעדריקט אונטער דער שווערסטער לאסט, באם גרעסטן קראמף אין ליידיקן מאָגן — האָט ער געשוויגן!

באשפּריצט פון פרעמדער בלאָטע, באשפּיגן פון פרעמדע מיַילער, געיאָגט פון טראָטוארן מיט דער שווערסטער לאסט אראָפּ אין גאסן צווישן דראָזשקעס, קארעטעס און טראמוויַיען, קוקנדיק יעדע מינוט דעם טויט אין די אויגן אריַין — האָט ער געשוויגן!

ער האָט קיינמאָל נישט איבערגערעכנט, וויפל פוד לאסט עס קומט אויס אף א גראָשן, וויפל מאָל ער איז געפאלן בא יעדן גאנג פאר א דריַיער, וויפל מאָל ער האָט שיר נישט די נעשאָמע אויסגעשפּיגן, מאָנענדיק זיַין פארדינסט; ער האָט נישט גערעכנט נישט זיַין, נישט יענעמס מאזל, נאָר געשוויגן!

---

[1] טאלמעטוירע — א כיידער פאר אָרעמע קינדער.

זײַן אייגן פֿאַרדינסט האָט ער אויך נישט הויך געמאָנט! ווי אַ בעטלער האָט ער זיך בײַ דער טיר געשטעלט, און אין די אויגן האָט זיך אַ הינטישע באַקאָשע געמאָלט! „קום שפּעטער“, און ער איז פֿאַרשוווּנדן שטיל, ווי אַ שאָטן, קעדיי שפּעטער נאָך שטילער אויסצובעטלען זײַן פֿאַרדינסט!

ער האָט אַפֿילע געשוויגן, ווען מע פֿלעגט אים אָפּרײַסן פֿון זײַן פֿאַרדינסט אָדער אַרײַנגעוואָרפֿן אַ פֿאַלשע מאַטבייע!..

ער האָט אַלץ געשוויגן...

— מיינט מען דאָך טאַקע מיך! — טרייסט זיך באָנציע.

— איינמאָל, — פֿירט ווײַטער דער מיילעך־יוישער נאָך אַ טרונק וואַסער, — איז אין זײַן לעבן אַן ענדערונג געשען... עס איז דורכגעפֿלויגן אַ קאָטש אויף גומענע רעדער מיט צעפֿלאָשעטע פֿערד... דער שמײַסער איז שוין לאַנג פֿונ־ווײַטנס געלעגן מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ אויפֿן ברוק... פֿון די דערשראָקענע פֿערדס מײַלער שפּריצט דער שוים, פֿון אונטער די פּאָדקאָוועס יאָגן זיך פֿונקען, די אויגן בלישטשען, ווי ברענענדיקע שטורקאַצן אין אַ פֿינצטערער נאַכט — און אין קאָטש זיצט נישט טויט, נישט לעבעדיק אַ מענטש!

און באָנציע האָט די פֿערד פֿאַרהאַלטן!

און דער געראַטעוועטער איז געווען אַ ייִד אַ באַל־צדאָקע[1] און האָט באָנ־ציען די טויווע נישט פֿאַרגעסן!

ער האָט אים דעם געהאַרגעטנס בײַטש איבערגעגעבן; באָנציע איז אַ שמײַ־סער געוואָרן. נאָך מער — ער האָט אים כאַסענע געמאַכט, נאָך מער — ער האָט אים אַפֿילע מיט אַ קינד פֿאַרזאָרגט —

און באָנציע האָט אַלץ געשוויגן!

— מיך מיינט מען, מיך, — באַפּעסטיקט זיך באָנציע אין דער דייע[2], און האָט דאָך די האָזע נישט אַן אויג צו וואַרפֿן אויפֿן בעסדן־שעל־מײַלע...

ער הערט זיך ווײַטער אײַן צום מאַלעך־מיילעך:

— ער האָט געשוויגן אַפֿילע, ווען זײַן באַלטויווע האָט אײַנקורצן באַנקראָ־טירט און אים זײַן לוין ניט באַצאָלט...

ער האָט געשוויגן אַפֿילע, ווען דאָס ווײַב איז פֿון אים אַנטלאָפֿן און איבער־געלאָזט אים אַ קינד פֿון דער ברוסט...

---

[1] אַ באַל־צדאָקע — אַ פֿילאַנטראָפּ.

[2] באַפּעסטיקט זיך אין דער דייע — קומט צו דער איבערצײַגונג.

ער האָט געשוויגן אפילו מיט פופצן יאָר שפּעטער, ווען דאָס קינד איז אויפגעוואַקסן און געגנוג שטאַרק געוועזן — באָנציען ארויסצוואַרפן פון שטוב...

— מיך מיינט מען, מיך! — פרייט זיך באָנציע.

— ער האָט אפילו געשוויגן, — הייבט אָן ווייכער און טרויעריקער דער מאלער־מיילינ, — ווען דער אייגענער באלטויווע האָט זיך מיט אלע אויסגע־גלייכט, נאָר אים קיין גראָשן סכירעס נישט צוריקגעגעבן — און אפילו דעמלט, ווען ער איז באָנציען (ווייטער פאַרנדיק אף א קאָטש מיט גומענע רעדער און פערד ווי לייבן) איבערגעפאָרן...

ער האָט אלץ געשוויגן! ער האָט אפילו דער פּאָליציי נישט געזאָגט, ווער עס האָט אים צורעכט געמאכט...

— ער האָט געשוויגן אפילו אין שפּיטאָל, וווּ מע מעג שוין שרייען!

ער האָט געשוויגן אפילו, ווען דער דאָקטער האָט אָן פופצן קאָפּיקעס נישט געוואָלט צוגיין צו זיין בעט, און דער וועכטער אָן פינף קאָפּיקעס — טוישן אים די וועש!

ער האָט געשוויגן באם גויסעסן — ער האָט געשוויגן באם שטארבן...

קיין וואָרט קעגן גאָט, קיין וואָרט קעגן לייט!

— דיקסי![1]

באָנציע הייבט אָן ווייטער צו ציטערן אפן גאַנצן לייב. ער ווייסט, אז נאָכן מיילינ־יוישער גייט דער קאטייגער! ווער ווייסט, וואָס דער וועט זאָגן! באָנציע אליין האָט זיין לעבן נישט געדענקט. נאָך אף יענער־וועלט האָט ער יעדע מינוט די פריערדיקע פאַרגעסן... דער מאלער־מיילינ האָט אים אלץ דערמאָנט... ווער ווייסט, וואָס דער קאטייגער וועט אים דערמאָנען!

— ראַבויסיי![2] — הייבט אָן א שאַרף־שטעכנדיק־בריענדיק קאָל, —

נאָר ער האקט אָפּ —

— ראַבויסיי! — הייבט ער נאָכאמאָל אָן, נאָר ווייכער און האקט ווייטער אָפּ.

---

[1] דיקסי — איך האָב מיינס געזאָגט (געענדיקט ריידן).

[2] ראַבויסיי — מיינע הערן.

ענדלעך הערט זיך, פון דעם אייגענעם האלדז ארויס, קימאט א ווייך קאָל:

— ראַבויסיי! ער האָט געשוויגן! וועל איך אויך שווייַגן!

עס ווערט שטיל — און פון פאָרנט הערט זיך א נייַע ווייכע ציטערדיקע שטימע:

— באָנציע, מייַן קינד באָנציע! — רופט עס ווי א הארפע... — מייַן האַר־ציק קינד באָנציע...

אין באָנציען צעווייַנט זיך דאָס הארץ... ער וואָלט שוין אצינד די אויגן געעפנט, נאָר זיי זייַנען פאַרפּינצטערט פון טרערן... עס איז אים אזוי זיס־ווייַנענדיק קיינמאָל נישט געוועזן... „מייַן קינד", „מייַן באָנציע" — זייַט די מו־טער איז געשטאָרבן, האָט ער אזא קאָל און אזעלכע ווערטער נישט געהערט.

— מייַן קינד! — פירט ווייַטער דער אוו־בעסדן,[1] — דו האָסט אַלץ געליטן און געשוויגן! עס איז נישטאָ קיין גאַנץ גליד, קיין גאַנץ ביינדל אין דייַן לייַב אָן א וווּנד, אָן א בלוטיק אָרט, עס איז נישטאָ קיין אייך באהאלטן אָרט אין דייַן נעשאָמע, ווו עס זאָל נישט בלוטן... און דו האָסט אַלץ געשוויגן...

— דאָרט האָט מען זיך נישט פארשטאַנען דערויף! דו אַליין האָסט גאָר עפשער נישט געוווּסט, אז דו קענסט שרייַען און אז פון דייַן געשריי קענען יעריכוים[2] מויערן ציטערן און אייַנפאַלן! דו אַליין האָסט פון דייַן פארשלאָפע־נעם קויעך נישט געוווּסט...

— אויף יענער־וועלט האָט מען דייַן שווייַגן נישט באַלוינט, נאָר דאָרט איז דער אוילאָם־האשעקער,[3] דאָ אויפן אוילאָם־האָעמעס[4] וועסטו דייַן לוין באקומען!

— דיך וועט דאָס בעסדן־שעל־מייַלע נישט מישפּעטן, דיר וועט עס נישט פּאסקענען. דיר וועט עס קיין כיילעק נישט אויס־ און נישט אָפּטיילן! נעם דיר, וואָס דו ווילסט! אַלץ איז דייַן!

באָנציע הייבט דאָס ערשטע מאָל די אויגן אויף! ער ווערט ווי פארבלענדט פון דעם ליכט פון אַלע זייַטן! אַלץ בלאַנקט, אַלץ בליצט, פון אַלעס יאָגן

---

[1] אוו־בעסדן — פאָרזיצער פון געריכט.

[2] יעריכאָ — א שטאָט אין פּאלעסטינע אין די ביבלישע צייַטן. לויט דער ביבלישער לעגענדע זייַנען די מויערן פון יעריכאָ (בייס די בניי־יִסראָעל האָבן זי באלאגערט) אייַנגעפאלן דערפון, וואָס די בניי־יִסראָעל זייַנען ארומגעגאנגען ארום די מויערן און האָבן געשאלט אין טרומייטן.

[3] אוילאָם־האשעקער — פאלשע וועלט.

[4] אוילאָם־האָעמעס — עמעסע וועלט.

שטראַלן: פון די ווענט, פון די קיילים, פון די מאַלאָכים, פון די דאַיאָנים! סאמע ענגלען![1]

און ער לאָזט די מידע אויגן אַראָפּ.

— טאַקע? — פרעגט ער מעסופּעק און פאַרשעמט.

— זיכער! — ענטפערט פעסט דער אורבעסדן. — זיכער, זאָג איך דיר, אַז אַלץ איז דיינס, אַלץ אין הימל געהער צו דיר! וואָרעם אַלץ, וואָס דאָ בלאַנקט און בליצט, איז נאָר אַן אָפּשיין פון דיין פאַרשוויגענער גוטסקייט; אַן אָפּגלאַנץ פון דיין נעשאָמע. דו נעמסט נאָר בא דיר אַליין!

— טאַקע? — פרעגט באָנציע נאָכאַמאָל, נאָר שוין מיט אַ זיכערערן קאָל.

— טאַקע! טאַקע! — ענטפערט מען אים אַף זיכער פון אַלע זייטן.

— נו, אויב אַזוי, — שמייכלט באָנציע, — וויל איך טאַקע אַלע טאָג אײַנ־דערפרי אַ הייסע בולקע מיט פרישער פּוטער!

— דאַיאָנים[2] און מאַלאָכים האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ פאַרשעמט; דער קאַטייגער האָט זיך צעלאַכט.

★

[1] ענגלען — מאַלאָכים.

[2] דאַיאָנים — דאָ: ריכטער.

קלאָץ־געשיכטן

1

דער קלאָץ אליין

אינמיטן מארק ליגט אַן אלטער, פוילער קלאָץ...

דאכט זיך, טויט ווי אלע טויטע — און דאָך, אין א שטילער זומער־נאכט, ווען אלץ ארום איז פארזונקען אין טיפן שלאָף, ווען לעוואָנע און שטערן דרעמלען אונטער א לייכטן זילבער־נעפּל, וועקט זיך אין מיר אויף דער אלטער קי־שעפּמאכער... „האָקוס־פּאָקוס" — דער קלאָץ לעבט!

ערגעץ אין מיצראַיִם[1] ליגט א פארקישעפטער אלטער קלאָץ, וואָס וועקט זיך יעדן פרימאָרגן (ווען די פרישע ריינע זון שטייט אויף) און יעדן אָוונט (ווען זי גייט אונטער פארשעמט און פארבלוטיקט) און גיט פון זיך ארויס א וווּנ־דערלעכן קלאנג; — מײַן קלאָץ פארציילט גאנצע געשיכטן.

אלץ, וואָס איך שרײַב פונעם שטעטל, האָב איך אים צו פארדאנקען, דאָס אלץ זײַנען „קלאָץ־געשיכטן"... דאָס אלץ פארציילט ער מיר.

נאָר אָנהייבן הייבט ער אָן פון זיך. רעכט האָט ער! יעדערער איז בא זיך דער הייליקער מיטלפּונקט, ארום וועלכן ער שטעלט זיך אויס די רעשט וועלט.

[1] מיצראַיִם — עגיפּעט.

עס גייט קעסיידער: איך, און דערנאָך ערשט אַלץ, וואָס מײַן איז: מײַן מישפּאָכע, מײַנע כאַווײרים, מײַנע גוטע־פֿרײַנט, מײַנע באַקאַנטע, מײַן שטאָט, מײַן געגנט, מײַן לאַנד... אַלץ, וואָס מײַן איז!

שפּעטער נעמען מיר שוין שוטפים צו: אונדזער ערד, אונדזער וועלט.

פֿאַר דעם קומען מיר צוריק צו: מײַן גאָט! נאָר דאָס זאָל זײַן אַ סגולע צו פּאַרנאָסע...

טייל מיינען אַפילע, אַז זיי זײַנען ניט נאָר דער מיטלפּונקט, נאָר זאַגאַר[1] דער ברענפּונקט פֿון דער וועלט, דאָס גאַנצע ליכט לויפֿט זיך דאָ צוזאַמען אַרויסצושטראַלן ערשט פֿון זיי אויף דער רעשט וועלט... און אַ ביילעווען ליכטל אַפילע אין האַנט לויפֿן די באַרעמהאַרציקע לײַט אַרום אין די גאַסן און שרײַען: ליכט! ליכט! ווי אַמאָל דער קאַוועיאָכל[2] און דערנאָך, לעהאַוודל, געטע פֿאַרן טויט...

אַנדערע קלערן גאָר: צי איז אויסער זיי נאָך עפּעס פֿאַראַנען?

„איך בין איך" — אַלקיין[3] — בין איך דאָ! נאָר די רעשט וועלט, צי איז זי נישט מײַנער אַ כאָלעם פֿון זומער־ צי אַ ווינטער־נאַכט, ווי עס מאַכט זיך?

און בעעמעס, ווער נייטיקט מיך צו גלייבן, אַז אויסער מיר עקזיסטירט נאָך עפּעס? פֿילן פֿיל איך נאָר מײַן הונגער, מײַן דאָרשט, מײַן אַגמעסנעפּעש... אײַ וואָס — מע זאָגט?

דאָס איז ווייניק!

מע פֿלעגט אַמאָל זאָגן, אַז עס איז פֿאַראַן: ערלעכקײַט, ראַכמאָנעס, יוישער, עמעס אוקעדוימע, און עס האָט זיך אויסגעוויזן — אַ כאָלעם, אַ וויסטער כאָלעם...

און — וועהאָרײַע![4] אַז איך, איך נאָר, נעם אַ קאָפּ בראַנפֿן, טאַנצט די גאַנצע וועלט אַרום ווי שיקער!

לאָמיר בעסער צוריקגיין צום קלאָץ! צו זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע!

געווען איז ער אַמאָל אַ בוים.

---

1 זאַגאַר — אַפילע.
2 קאַוועיאָכל — גאָט.
3 אַלקיין — דעריבער, הייסט דאָס.
4 וועהאָרײַע — און אָט איז אַ באַווײַז.

א פרישער, גרינער בוים אין וואלד!

געוואָרצלט האָט ער אין דער ערד, געצויגן זיך אין הימל אַרײַן... און אָדער, נאַטירלעך, פּליט העכער; זײַנס האָט ער דאָך געטאָן בישליימעס[1]; ער האָט זיך געהויבן, איבער זײַנס גלײַכן געוואַקסן! ער האָט שוין אַפּילע א גרויס שטיק הימל געזען!

טײַלמאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז אָט, אָט פאַלט אַראָפּ דאָס טעלערל פון הימל און לייגט זיך אים — א קרוין אויפן קאָפּ! און ער איז ווערט די קרוין, ער ציט זיך אַלץ אין איינעם אַרויף!..

געלעבט האָט זיך נישט שלעכט!

טויזנט בלעטער צו עטעמען, אַרײַנצוציען גרינצײַג... א פּאָר שאָק[2] וואָרצלען אונטער דער ערד, צו ציען כאיונע[3] — זאַפט און זאַלץ! דאָס איז פאַרן גוף; די נעשאָמע האָט: פויגל־קאָנצערט און וואָלקן־מאַסקאַראַדע!

צווישן די צווײַגן זשומט, ברומט, טרילערט און קלינגט... אויפן הימל פליט און ציט און יאָגט זיך. פון א זײַט שווימט א סטאַדע וואָליקע שעפּעלעך: אָט טרײַבט זיי אַקעגן א גראַמאַדע צויטיקע[4] וועלף... אַלע פאַרשווינדן, און איבער דער ברייט פון הימל ציט זיך אויס א לאַנגער דײַטש מיט גרויסע שטיוול, מיט א מעשענער פּיקל־הויב[5] אויפן קאָפּ... ער ווערט אויך צערונען, שאַ! דער הימל הענגט אַרויס וועש צו טריקענען... דאָס „גרעט" שאָקלט זיך, הוידעט און וואַרפט זיך, גלײַך עס וויל אַראָפּפאַלן און א האַלבע וועלט „מאַלביש־אַרומים"[6] זײַן...

דאָס אַלץ איז זומער.

ווינטערצײַט הילט זיך אײַן דער בוים אין ווײַסן מאַנטל און דרעמלט. ער שלאָפט אײַן, און כאַלעמט איבער א וועלט.

אין אַזאַ שלאָף הערט ער איינמאָל: טראַך! טראַך!

א האַק, צי א דונער! ער, צי אַן אַנדערער?

---

[1] בישליימעס — פולקום.

[2] א שאָק — 60 שטיק.

[3] כאיונע — נערונג.

[4] צויטיקע — פּאַטלאַטע.

[5] פּיקל־הויב — געמיינט א קאַסקע.

[6] מאַלביש־אַרומים זײַן — באַקליידן.

איידער ער קומט צו־זיך — באַך! ער ליגט שוין אויסגעצויגן אפֿן שנײ...
און ער שלאָפֿט ווײַטער אײַן... און ער כאָלעמט ווײַטער!
— פֿאַרפֿאַלן! עס וועט זיך אָנהייבן א נײַ לעבן, גאָר אן אנדער לעבן! נישט אין היימישן וואַלד, נישט צווישן זײַנס גלײַכן —ביימער, נאָר אין דער אייביקער פֿרעמד!
נישט „הימל און ערד" וועט עס הייסן, נאָר „הימל און וואַסער", בעסער געזאָגט: הימל און הימל, אן עמעסער פֿון אויבן, אן אָפּגעשפּיגלטער פֿון אונטן...
א מאַטשט וועט ער זײַן, אף דער גרעסטער שיף שווימען; אף דער גרעסטער שיף, אפֿן גרעסטן יאַם! און א וועלט וועט ער זען!
דעם וואַלד וועט ער דאָך ניט פֿאַרגעסן!
וועט ער נעענטער קומען צו א שטיק ערד, וועט ער זיך שאָקלען און גריסן דעם וואַלד... פֿון צײַט צו צײַט וועט אים דער ווינט צוטראָגן א ביסל רייעך פֿון נאָדלען און בלעטער... אף דער שיף וועט געוויס זײַן א שטײַגל... דערינען א קליין זיס פֿייגעלע...
ער כאָלעמס און פֿילט, ווי די האַק שפּאַרט אים אין די זײַטן, שיילט און רײַסט... שאַט ניט!
„טערפּי קאַזאַק, אַטאַמאַנאָם בודעש".[1]
אנדערע האָט מען אף פֿיק־פֿיצלעך צעהאַקט, אף אש פֿאַרברענט, אף אַלע וועלט־עקן פֿאַרשפּרייט דאָס אש און צעזייט, און ער וועט זײַן א מאַטשט!

אויפֿגעכאַפּט האָט ער זיך נישט אַלס מאַטשט... מע האָט פֿון אים קוים א באַלקן געמאַכט, אין א הויז אײַנגעמויערט.
ענג, דושנע, פֿינצטער — עס דריקט פֿון אַלע זײַטן...
ער פֿאַלט אוועק אין א נײַעם שלאָף, אין א וויסטן שלאָף; אָן כאַלוימעס, אָן האָפֿענונג, אָן טרייסט...
און אזוי איז ער פֿופֿציק און עפּשער הונדערט יאָר געשלאָפֿן...
און עס וועקט אים ווײַטער: טראַך! טראַך!
ער כאַפּט זיך אוף שוין בעעמעס אין א יאַם. אין א רויטן, פֿײַערדיקן יאַם... פֿאַליעס פֿײַער שלאָגן...
דאָס איז מײַן עק! — טראַכט ער. — אין גענעם בין איך! — מיינט ער.

[1] טערפּי קאַזאַק, אַטאַמאַנאָם בודעש — לײַד, קאַזאַק, וועסט זײַן אן אַטאַמאַן.

נאָר א קלאָץ דענקט און די פאָזשארנע קאָמאנדע לענקט און טוט אירס... אצינד ליגט ער אינמיטן גאס...

ער ליגט און פוילט און ניצט נאָך דער קליינער וועלט...

האָלץ־ווערעם ציִען פון אים די גאנצע פּארנאָסע... א צעשויבערטע דינסט־מויד לויפט צו און רײַסט אויס א קינדל... דער שרײַבער פון מאגיסטראט נעמט זיך יעדן טאָג נאָכן מיטיק א ציין־שטעכער... פרײַטיק רײַסט פון אים, ווער אין גאָט גלייבט, איידעס צום נעגל פארברענען[1]...

קומט אינמיטן דער נאכט אין שטעטל א קליין סויכערל, א ניסרעפל[2], צי אזוי א בעטלער, נעכטיקט ער איבער אפן קלאָץ...

טיילמאָל ציט זיך אף אים אויס דער נאכט־וועכטער און שנאָרכט...

2

באטאָג

א זומער־מאָרגן...

מיט געשריי און געוויין, געלעכטער און געזאנג רײַסט זיך דאָס יונגוואַרג ארויס פון די קליינע הײַזלעך... נאקעט, האלב־נאקעט, מיט און אָן שטיקלעך ברויט אין די הענט — לויפט עס צום קלאָץ.

מע שפילט זיך...

און שפילן זיך הייסט קאָפּירן די עלטערע וועלט.

אלס כאָסן־קאלע פאָרט מען אף שטעקן שפּאצירן, קושט מען זיך אין די ווינקעלעך, שענקט מען זיך מאטאָנעס.

איז ווייניק, דערלייגט מען נאָך א שערבעלע, נאָך א שטיקל גלאָז פון א

---

[1] איידעס צום נעגל פארברענען — לויטן יידישן רעליגיעזן מינהעג טאָר מען קיין אָפּגעשניטענע נעגל ניט ארויסווארפן, נאָר מע קלײַבט זיי אוף, מע לייגט צו עטלעכע שפענדעלעך און ווארפט ארײַן אין פײַער.

[2] א ניסרעפל — אן אָפּגעברענטער.

גריך אָדער א בלוי־געווען־ער פלאש, נאָך א שטיקל לעדער... אניט גייט דער שידעך אָפּ, האָט מען א דין־טוירע[1], צאָלט מען קנאס[2]...

אלס מאַן און ווײַב קריגט מען זיך. שעלט מען זיך און מע שרײַט... ווערט מען מיד, לאָזט מען דעם רעשט גרימצאָרן אויס צו די קינדער, צו די אָרעמע קינדער פון האָלץ און שמאטעס...

זיי זײַנען „מאמזיירים"[3]... ווילן ניט לערנען, נישט פרום זײַן, נישט טאָן די הענט אין קאַלט וואסער ארײַן... נאָר פרעסן וויל עס און זויפן, און עס האָט א קישקע אָן א דנאָ!

פאר גרויס צאָרעס מאכט מען זיך „שטעלן"; פארשעלט מען די קויניִמס ביינער, צו דער סכוירע — ווי א גאָט אין הימל — לייגט מען צו, און צאָלן מוז מען פאטענט, שטעל־געלט, מעלאמעד־געלט, דירע־געלט, הײַנט קינדער כאסענע מאכן... און זיי דינגען זיך נאָך, די נעשאָמע ציִען זיי ארויס!

דערנאָך גייט א לעווײַע... א קאַץ איז געפּיגערט, צי מע האָט א טויט מײַזל געפונען...

אינמיטן קומט דער בעלפער[4]...

אינמיטן טאָג פארנעמען דעם קלאָץ עטלעכע ווײַבלעך, קעסטקינדער... באַם שײַנעם וועטער זעצן זיי זיך אויס אין די ווײַסע יאַקעלעך, קאָלירטע טיכלעך און, פאר בושע, מיט א האנטארבעט אף דער שויס, און מע פארברענגט א גוטע שאָ...

פריִער גייט עס צו שטיל.

איינע רוטלט זיך און פארציילט, ווי גוט זי ווערט באהאנדלט. די צווייטע „האָט נאָך זײַט זי לעבט אזא מאַן ניט געזען!" די דריטע שווײַגט און פלאמט; די מוז זײַן די גליקלעכסטע... טיילמאָל שלינגט דאָך איינע אראָפּ א טרער נאָך א טרער — מע האָט איר געוויס אַן אלטן מעלאמעד געגעבן...

דערנאָך ווערט רעדאגירט די שטאָט־צײַטונג, די מויל־ארבעט, וואָס צעפליט

---

[1] א דין־טוירע — א לאָדעניש באַם ראָוו.
[2] קנאס — שטראָף.
[3] „מאמזיירים" — דאָ געמיינט: אויסגעלאסענע, ניט־פרומע.
[4] דער בעלפער — דער באהעלפער, דער מעלאמעד־געהילף.

זיך פיל פון בויגן אין אלע שטיבער, אין אלע הײַזער אריַן, און קומט דערנאָך צוריק צום קלאָץ פארגרעסערט און פארשענערט, ניט צו דערקענען...

עלטערע מענטשן זאָגן, אז פון קלאָץ וועט קיין גוטס ניט ארויס...

פארנאכט גייען שוין די יונגע ווײַבלעך, אויסגעפוצט אין די נאָך פרישע כאסענע־קליידער, הינטער דער שטאָט, אפן שאָסיי, באם ראנד פון קלײנעם וועלדל, פון וועלכן אונדזער קלאָץ קומט ארויס. אין וועלדל זיך „ארײַנלאָזן" איז קיין שטיגער נישט, עס וואָלט שוין צופיל „דײַטשעריש"[1] אָדער „פריציש" געווען... די „שיינע ברײַנדל" פלעגט שפאצירן אין וואלד, האָט זי זיך אמאָל אויסשפאצירט, אף אלע סאָנים געזאָגט! — „א ראכמאָנעס אפן אלטן פאָטער, אפן געוועזענעם לאנד־שאדכן, ער שערט זיך פאר דער ליכטיקער שײַן!"

דעם קלאָץ פארנעמען דערווײַל עטלעכע אלטע ווײַבער, וואָס כאפן זיך ארויס אף א רעגע א ביסל לופט צו שעפן, א ביסל נאכעס צו האָבן און אָפּצורײדן זיך פון הארץ...

און אז מע האָט שוין איבערגעשיט דאָס גאנצע שטעטל, רעדט מען פון „וואָס אמאָל איז געווען און הײַנט איז ניטאָ"...

אמאָל זײַנען געווען געטרײַע מענער, און הײַנט — פאר די הינט ארויס־צוּוואָרפן, איינס בא איינס טרייפע ווי כאזער; עס גייט זיי קיין וואָר וואָרט ארויס פון מויל... נאָך דער כאסענע איז „קעטשעלע־מעטשעלע", בא איין טיש עסט מען, פון איין שיסל; — וואָס עלטער, ווערט מען קעלטער, און — גאָרניט!

פארצײַטנס פלעגט א ײדענע האלטן אן אורייניקל באם פארטעך און איר אייגנס בא דער ברוסט; הײַנט נאָכן דריטן, העכסטנס נאָכן פערטן מאָל — קראנק, דארף מען שוין דאָקטוירים און... דאָ רוימט מען זיך אײַן עטלעכע סוידעס און מע שפײַט אף אלע זײַטן...

דעריבער שטראָפט טאקע דער בוירע־אוילאָם[2]. ער וועט זײַן גוטס נישט וואַרפן אין דער בלאָטע ארײַן. פארנאָסע נישטאָ, קליינע קינדער גייען אויס ווי די ליכט, פאר זעלנער נעמט מען... און קאָהאָל[3] און ראָוו שווײַגן — אפילע די זון איז שוין אויך נישט דאָס, וואָס אמאָל! פארצײַטן פלעגט מען פון פייסעך ביז סוקעס גיין אין איין העמד... עס רעדט זיך נאָר אזוי, באשפינט

---

1 „דײַטשעריש" — געמיינט: אויסגעלאסן.

2 דער בוירע־אוילאָם — געמיינט: גאָט.

3 קאָהאָל — די קעהילע, די ײדישע געמיינדע.

און באנייט איז מען געווען, און די ספּאָדניצעס מיט די זילבערנע און גאָלדענע פליטן[1] זײַנען א סאך שענער געווען, ווי די הײַנטיקע מאָדעס... נאָר וואָרעם איז געווען, א מעכײַע! ווער האָט געוווּסט פון הוסטן, פון שווערן אָטעם, פון א ציטערניש אין די ביינער?

די זון גייט אונטער; די ווײַבער צעלויפן זיך; מע דאַרף וועטשערע קאָכן פאר די „געטרײַע" מענער, דאָס פּאָנעם פארפלאמען...

עס פלאַמט אוף איין פענצטער נאָכן צווייטן, א שויבן־טיר נאָך א שויבן־טיר. מיט רויטע אויגן קוקן הײַזלעך אין גאס ארײַן, און באם קלאָץ זיצן שוין מענער נאָך מינכע־אומײַרעוו[2].

מע רעדט פון פּאָליטיק, פון פּאַרנאָסע, פון ייִדישן מאזל...

איינער ציט זיך אויס אף דער וואַרעמער ערד, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אפן ווייכן, פוילן האָלץ און קוקט אין הימל ארײַן מיט צער, מיט נאכעס, מיט געבעט — ווי איינער, ווי א מאָל — און דרעמלט אזוי אײַן.

פלוצלינג ווערט א געשרייערײַ פון טיר און פענצטער. ווײַבערשע קוילעס רופן: כאַים, יאָסל, רוווּן!

אנדערע מיט א צולאָג — א קלאָלע: דײַן נאָמען זאָל אהיים קומען! די קאַרטאָפל ווערן קאַליע!

און ערשט גאָר שפּעט, אז דאָס שטעטל שלאָפט אײַן, רוקט זיך ארויס פון נידעריקסטן הײַזל רעב שמערל, דער געוועזענער לאַנד־שאַדכן...

פערציק יאָר איז ער ארומגעלאָפן זוכן כאסאַנים און קאַלעס, ביז ער האָט די פיס פארלאָרן; קוים ער שלעפּט זיי נאָך...

א האַלבע געגנט האָט ער כאסענע געמאַכט, נאָר זײַן אייגענע טאָכטער פארגעסן... אין גרויען צאָפּ ארײַן פארגעסן... ניינצן יאָר דערלעבט!

ער זעצט זיך און באהאַלט דעם אַלטן גרויען קאָפּ אין די ציטערדיקע הענט... נאָדן האָט ער איר געקליבן; נישט געגעסן, נישט געטרונקען, צופוס מײַלן געגאַנגען... אַלץ געקליבן און געקליבן!

אזא כאַרפּע, אזא שאַנדע!

---

[1] פליטן — אויסגעניייטע באַפּוצונגען.

[2] מינכע־אומײַרעוו — מינכע און מײַרעוו, דאָס פארנאַכטיקע און אָוונטיקע דאַוונען.

ער הייבט די אויגן אוף צום הימל.

כאָטש גוט, וואָס זײַן ראָכל האָט עס ניט דערלעבט!

— גאָט! — וויינט אין אים דאָס האַרץ. — זאָל זי נאָך טשוווע[1] טאָן... מיט די קראַנקע פיס וועל איך פון טיר צו טיר אַף האַכנאָסעס־קאַלע[2] גיין... כאַסענע מאַכן, לײַטיש כאַסענע מאַכן!

— גאָט, שיק א שטראַל פון דײַן ליכט אין איר האַרץ אַרײַן! א האַרץ האָט זי דאָך א גוטס געהאַט, א גוט האַרץ... א שטילע איז זי, א גוטע געווען... א האַרציקע!..

— מײַסע־סאָטן[3], מײַסע־סאָטן! — קלאָגט דער אַלטער אין דער שטילער נאַכט אַרײַן...

און — אַז ער גייט אויך אַוועק, דעמלט פאַרציילט מיר דער קלאָץ זײַנע מײַסעלעך.

3

נאָך האַלבער נאַכט

טאָפּלט דיק ווערט דער קלאָץ; ער גיסט זיך מיט זײַן אייגענעם שאָטן צוזאַמען. א גרויע, טיפע שטילקײַט וויגט זיך איבערן טויטן מאַרק.

דאָס שטעטל שלאָפט; טיר און טויער געשלאָסן.

זעלטן רוישט דורך דער לופט א פלעדערמויז; אַן אומגליקלעכע פלעדער־מויז אין א שטעטל, ווו די ווײַבער האָבן קיין האָר ניט! פון ערגעץ א הינ־טערגאַס בלעקט פון צײַט צו צײַט א קעלבל, גלײַך עס וואָלט זיך געקלאָגט אַפן לעבן, וואָס עס איז צו קורץ און ווערט נאָך פאַר דער צײַט איבערגעריסן מיט געוואַלט. פון צײַט צו צײַט לאָזט זיך הערן א הונט פון דער קריסטלעכער

[1] טשוווע טאָן — כאַראָטע האָבן אַף די זינד.

[2] אַף האַכנאָסעס־קאַלע גיין — גיין בעטלען אַף אויסגעבן א מיידל.

[3] מײַסע־סאָטן — דעם טײַוולס אַרבעט.

פאַרשטאָט, וואָס קאָן די לעוואָנע ניט ליַדן; וואָס רירט זי זיך אין דער שטי־לער נאַכט? —

וויַטער איז שטיל, די אָרעמע קליינע וועלט האָט קוים איַנגעוויגט אירע קליינע — ווען אויך געגוג טיפע — שמערצן, האָפענונגען און פאַרלאַנגען, ווי אויך איר קליינעם יעיצערהאָרע[1]...

שטיל און טרויעריק ליגט דער קלאָץ אינמיטן מאַרק; שטיל און טרויעריק שווימט איבער אים אין הימל א פוילע, געלע לעוואָנע.

וואָס ביסטו, לעוואָנע, אַזוי געל? וואָס איז אַזוי קרענקלעך דיַין פּאָנעם? פון דיר שניַדט מען דאָך קיין צאָן־שטעכער, קיין איידעס צו נעגל, קיין קינד־לעך? צי האָסטו מיטליַד מיטן יידישן קעלבל פון הינטערגאַס? צי שרעקט דיך דער הינט פון דער קריסטלעכער פאָרשטאָט?

און פיליַכט ביסטו גאָר אונדז, אָרעמע מענטשן, מעקאַנע, ווײַל, ווי־עס־איז, האָבן מיר א נאַכט צום שלאָפן?

קראַנקע לעוואָנע, — ניט אַלע שלאָפן.

דאָ און דאָרט שפּאַרט זיך אַרויס א ביסל ליכט דורך א שפּאַרע פון א לאָדן; אַרום מאַנכע ציטערן דין־שטראַליקע, רויטלעך־בלויע מאָגנדאָווידס...

דאָ איז זיך א שניַדער, צי א שוסטער, און עפּשער א טאַלייסים־וועבער, בא דער אַרבעט פאַרזעסן. און אָרעמע נייטערן פינטלט מיט די רויטע אויגן און נייט, און שטעפּט...

דאָרט שטייט אויף א דערשראָקענע מוטער צום קראַנקן קינד...

ערגעץ אַנדערש אין א ווינקעלע, בא א גראָשנדיק כיילעוון ליכטל, ציילט אויס א בעטלער זיַין צוזאַמענגעמאַכט פאַרמעגן.

אינעם גרויסן וויַסן הויז ליגט א קראַנקע: זאָרעך שענקערס וויַב. גיי באַרעכן א וועלט: א יונג וויַבל, און אַלטער מאַן; גייט ער אַרום א געזונטער, און זי ליגט איבעראַנאַנד! שטאַרבט זי אוועק! עס ברענט א קאַגאַניק, עס זיצט א כעוורע־מאַן...[2] זאָרעך גייט אַהין און צוריק פאַרטראַכט און ריַיסט זיך איינ־ציקע האָר פון דער וויַסער באָרד:

---

[1] יעיצערהאָרע — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: ליַדנשאַפטן.

[2] א כעוורע־מאַן — געמיינט: א מיטגליד פון דער רעליגיעזער קעוורע־געזעל־שאַפט „כעוורע־קאַדישע”, וואָס דעזשורעט, לויטן רעליגיעזן מינהעג, בא גויסעסן.

„ער האָט זי באַלד ניט געוואָלט! וואָס האָט אים געטויגט אַזאַ בלאַסע, אַזאַ ווײַסע... מע האָט זי אים אײַנגערעדט; אײַנגערעדט האָט מען זי אים... ער האָט יענע געוואָלט, און יענער לעהאַכעס האָט ער מיט דער כאַסענע גע־האַט"...

עס לײַכט זיך אויף באַם דאַיען[1] אין פענצטער, ער זיצט נאָך און לערנט, און עפּשער קלערט ער שוין וועגן אַ העספּעד[2]; זאָרעך איז אַ גוויר און אַ ייִד אַ לאַמדן: „אײַשעס כאָוועך קעכאָוועך"[3]...

ווו עס איז פינצטער, שלאָפן אויך ניט אַלע...

קעגניבער דעם גרויסן ווײַסן הויז שטייט אַן אײַנגעפאַלענע, פאַרפינצטער־טע שטוב מיט אויסגעביסענע ווענט. די לאָדנס העגנען קרום אַראָפּ און פאַר־מאַכן שוין לאַנג ניט די פענצטער. אין שטוב, באַ דער בלאַסער שײַן פון דער לעוואָנע, ציטערן ווי בלוטיקע פלעקן די קישנס אָן ציכלעך אויף צווײ שטענדיק־זיפצנדיקע בעטן...

אַן אַלטער אײַנגעשרומפּענער ווײַבער־קאָפּ מיט אויסגעלאָשענע אויגן הייבט זיך אויף און רופט צום צווייטן בעט.

— טויבע, הערסט?

עס קומט פון צווייטן בעט קיין ענטפער, עס הערט זיך פון דאָרט קיין אָטעם ניט. די אַלטע לאָזט זיך ניט נאַרן, זי ווייסט, אַז טויבע שלאָפט ניט, אַז זי קען ניט שלאָפן... עס לאָזט זי ניט שלאָפן...

— טויבע! — רופט די אַלטע האַרטער.

— וואָס ווילסטו, מאַמע? — הערט זיך פון צווייטן בעט אַן אָפּגעריסן קאָל, אָנגעזאַפּט מיט טרערן, — וועסט מיר די קינדער וועקן!

די אַלטע שווײַגט אַ רעגע. אין דער שטילקײַט הערט זי, ווי טויבע דרייט זיך איבער אין בעט און פאַרגראָבט דאָס פּאָנעם אינעם קישן.

— הערסט, טויבע! — מאַכט די אַלטע נאָך אַ ווײַלע. — דײַן מאַנדל וועט

---

[1] דאַיען — אַ געהילף־ראָוו.
[2] העספּעד — אַ טרויער־רעדע.
[3] אײַשעס כאָוועך קעכאָוועך — אַ לאַמדנס אַ ווײַב איז געגליכן צו אַ לאַמדן.

הײַנט־מאָרגן אוועק... ער האָט שוין דעם טאַלעס־זאַק[1] פּאַרפּאַקט... אַן אגונע[2] וויל ער דיך לאָזן, אַן אגונע! ער האָט דען יאַהאַדעס?[3] ער האָט דען אַ ייִדיש האַרץ?.. ער וועט דיר קיין געט ניט לאָזן!

פֿון צווייטן בעט הערט זיך אַ פֿאַרשטיקט געוויין.

די אַלטע מרוטשעט פֿאַר זיך:

— טאַטע־מאַמע ניט געפֿאָלגט... געפּוצטע שטיוועלעך געוואָלט... זאָרעך — אַ שמאַלץ־גרוב — נישט! געפּוצטע שטיוועלעך! דעם טאַטן אין קייווער אַרײַן געפֿירט... גאָט שווײַגט ניט, גאָט צאָלט... ריבוינעשעלוילעם...

טויבע שפּרינגט אַרויס, ווי אַן אונטערגעשאָסענער פֿויגל, פֿון בעט, כאַפּט אָן זיך אַ קלייד מיט אַ שאַל און לויפֿט אַרויס פֿון שטוב.

— און יענע שטאַרבט, — מרוטשעט ווײַטער די אַלטע און לייגט דעם ציטערדיקן קאָפּ צוריק אויפֿן רויטלעך־שוואַרצן קישן. — וואָלט ער איר אַ געט געלאָזן, וואָלט עפּשער נאָך צוריק זיוועג[4] געוועזן...

טויבע זעצט זיך אויפֿן קלאָץ. די באָרוועסע פֿיס צעפֿליסן זיך אינעם זאַמד, די גרויע שאַל מיטן גרויען קלייד אין דער גרויער קװאָנע־נאַכט... עס זעט זיך נאָר איר בלאַסער פּאָנעם מיט די ברענענדיקע אויגן, וואָס קאָנען זיך ניט אָפּרײַסן פֿון גרויסן ווײַסן הויז, פֿון ציטעריקן ליכט, וואָס רײַסט זיך אַרויס דורך דער שפּאַרע פֿון די גרינע לאָדנס...

— שטאַרבן, — טראַכט טויבע, — איז נאָך גאָרניט!

נאָר זי דערשרעקט זיך פֿאַר אירע אייגענע ווערטער; זי זאָל עס נאָר ניט האָבן אַרויסגעזאָגט אין אַ בייזער שאָ!

— לעב, לעב, מירעלע! — ליספּלט[5] זי מיט ציטעריקע ליפּן. — זאָל דיר גאָט דײַן לעבן באַנײַען... הונדערט און צוואַנציק יאָר זאָלסטו לעבן...

דאָס געבעט רײַסט זיך אָפּ פֿון זיך אַליין. טרויעריק־פֿינצטערע געדאַנקען

---

[1] טאַלעס־זאַק — דאָס זעקל, וווּ עס ליגט דער „טאַלעס" (אַזאַ מין ספּעציעלע פּאַטשיילע, וואָס רעליגיעזע ייִדן טוען אָן בא דאַוונען).

[2] אַן אגונע — אַ פֿרוי, וואָס איר מאַן האָט זי פֿאַרלאָזט אָן אַ געט און מע ווייסט ניט ווו ער איז.

[3] יאַהאַדעס — ייִדישקייט.

[4] זיוועג — אַ פּאָרפֿאָלק (מאַן און ווײַב).

[5] ליספּלט — שעפּטשעט.

באהערשן זי. נאָך באַטאָג האָט זי געהערט, אַז דער דאָקטער האָט אָפּגעטראָטן פון מירלס בעט, אַז אַלע מעווינים האָבן אוועקגעמאַכט מיט דער האַנט...

„איין גאָט קען העלפן”, האָט מען געזאָגט, און טויבעס האַרץ ציטערט, צי וויל ניט גאָט אויספירן זיינס... צי איז זי מיט זאָרעכן קיין זיווג ניט געווען...

ער (איר מאַן) מוז אוועק, עס איז שוין ניטאָ פונוואַנען צו לעבן... אמע־ריקע ציט אים... און יענע — יענע שטאַרבט...

זי בלייבט, און זאָרעך בלייבט...

— „נאָר ניט קיין געט, נאָר ניט קיין געט!” — צאַפּלט אין איר דאָס האַרץ. —

דאָס אַלץ האָט מיר דער קלאָץ פאַרציילט.

★

א קאָם פון א יידענע

דאָס קליינע שטיבל איז פארכווישעכט, ווי אין אים דער דאלעס, אף וועלכן עס וויינען אלע פיר ווענט... אינעם אָפגעריסענעם סופיט שטעקט א האָקן — א יאָסעם נאָך א געוועזענעם הענגלייַכטער. דער גרויסער אָפגעשיילטער אויוון איז „ארומגערינגלט בא די לענדן" מיט א גראָבן זאק, שטייט איבערגעבויגן אין א זייַט און קוקט אריבער צו זייַן פינצטערן שאָכן — צום ליידיקן שווארצן קוימען, אף וועלכן עס ליגט אן איבערגעדרייטער טאָפּ מיט אן אָנגעבראָכענעם ראנד, און אין א זייַט — א צעבראָכענער לעפל. דער בלעכענער גיבער האָט געהאט אן ענלעכן טויט: ער איז געפאלן אין דער מילכאָמע מיט אויסגעדאר־טער, אייַנגעשפארטער נעכטיקער קאשע!

דאָס שטיבל איז איבערגעפולט מיט קיילים; עס שטייט א הימל־בעט, פאר־האנגען מיט צעריבענע פאָרהענגלעך... דורך די לעכער קוקט ארויס דאָס בעט־געוואנט, אָן ציכלעך, מיט רויטע פארפעדערטע אויגן. עס שטייט א וויגל, פון וועלכן עס שייַנט ארויס א גרויס געלבלעך קעפל פון א שלאָפנדיק קינד... עס שטייט א קאסטן, באשלאָגן מיט בלעך, מיט אן אָפענעם הענגל־שלאָס, — עס מוז שוין דאָרט קיין גרויס אשירעס[1] ניט זייַן, — עס שטייט נאָך א טיש מיט דרייַ בענקלעך; דאָס הילצערנע מעבל איז אמאָל רויט געפארבט געווען, הייַנט איז עס טונקל־ברודיק... רעכנט נאָך צו: א שאף[2], א פאָמייעס־שאף, א

---

[1] אשירעס — רייַכקייַט.

[2] שאף — א גרויס שעפל.

פאס וואסער, א קאַציובע[1] מיט א לאַפּעטע, וועט איר פאַרשטיין, אז מע קאָן שוין אין שטיבל קיין שפּילקע ניט אַרײַנוואַרפן...

און דאָך זײַנען דאָ אַן „ער" און א „זי".

זי — א ייִדענע אין די מיטעלע יאָרן — זיצט אויפן קאַסטן, וואָס פּילט אויס דעם אָרט צווישן הימלבעט און דער וויג.

זי האָט אין דער רעכטער האַנט דאָס איינציקע, קליינע, פאַרגרינטע פענצטער; לינקס — דעם טיש. זי אַרבעט א זאָק, שאָקלט צו דאָס וויגל מיטן פוס און הערט זיך אײַן, ווי ער לערנט באַם טיש. און ער לערנט מיט א זינגענדיק־וואָלאַכיש־וויינענדיק קאָל, ער לערנט און באַוועגט זיך אומרויִק, אָפּגעריסן און נערוועז. טייל ווערטער שלינגט ער, טייל ציט ער, טייל כאַפּט ער, טייל היפּערט ער איבער; טייל אַקצענטירט ער און דריקט אויס מיט ליבשאַפט, טייל שיט ער גלײַכגילטיק אויס, ווי אַרבעס פון א זאַק; דערבײַ רוט ער ניט קיין רעגע: דאָ כאַפּט ער אַרויס פון קעשענע אַן אַמאָל רויט און גאַנץ געוועזענע פאַטשײלע, ווישט זיך די נאָז, דעם שווייס פון פּאָנעם און שטערן, באַלד לאָזט ער זי אַראָפּ אויף דער שויס און כאַפּט זיך קרײַזלען די פּייעס, צופּן דאָס שפּיציקע, ערטער־ווײַז קוים גראָוולעכע בערדל... אָט באַהאַלט ער אַן אויסגעצופּטע האָר אין סײַפער אַרײַן און הייבט זיך אָן פּאַטשן אויף דער קני, די הענט דערפילן דערווײַל די פאַטשײלע, כאַפּן זי און וואַרפן א שפּיץ אין מויל אַרײַן; ער בײַסט, וואַרפט איבער איין פוס אויפן צווייטן און טוישט אַלע מינוט די פּיס.

בײַ דער גאַנצער צײַט קנייטשט זיך אים זײַן בלאַסער שטערן אין דער לענג און אין דער ברייט, עס קנייטשט זיך אויס א קאַמעץ איבער דער נאָז, די לאַנגע ברעמען ווערן, אונטער דער איבערגעלייגטער הויט פון שטערן, קימאַט פאַרלוירן. דערווײַל גיט אים, דאַכט זיך, עפּעס א שטאָך אין דער ברוסט; כאַפּט ער און דערלאַנגט זיך מיט דער רעכטער האַנט אויף דער לינקער זײַט אַן אַלכעט.[2] ראַפּטום פאַרלייגט ער דעם קאָפּ לינקס, דריקט צו מיט א פינגער די לינקע זײַט נאָז, מאַכט מיט דער רעכטער זײַט א קינסטלעכע פאָנטאַנע, וואַרפט איבער דעם קאָפּ רעכטס, די פאָנטאַנע שפּריצט פון דער לינקער זײַט נאָז!..

[1] קאַציובע — א קאָטשערע.

[2] אַלכעט — א טפילע וועגן כאַראָטע האָבן אויף די זינד (בײַס מע זאָגט די טפילע, קלאַפּט מען זיך אין ברוסט). דערלאַנגען זיך אַן „אַלכעט" באַטײַט דאָ: געבן זיך א קלאַפּ אין ברוסט.

אינמיטן כאַפּט ער אַ שמעק טאַבעק, צעהוידעט זיך בעסער, דאָס קאָל קלינגט, דאָס בענקל קנאַקט, עס רודערט דער טיש.

דאָס קינד וועקט זיך ניט! עס איז געוווינט צו דער מוזיק.

און זי, דאָס יונגערהייט איינגעשרומפּענע ווייב, זיצט און שעפּט נאַכעס פון מאַן. זי לאָזט פון אים קיין אויג ניט אַראָפּ; איר אויער פאַרלירט קיין איינציקן טאָן פון זיין מויל... אַמאָל זיפצט זי: ער זאָל אַזוי — טראַכט זי — טויגן צו דער וועלט, ווי צו יענער, וואָלט איר דאָך אַזוי וווּל און ליכטיק געווען... דאָ אויך...

„מאַ! — טרייסט זי זיך. — ווער שמועסט פון קאָוועד! ניט יעדער איז זוֹיכע[1] צו ביידע טישן".

זי הערט זיך איין... איר איינגעשרומפּן פּנים ענדערט זיך... ערשט איז דערויף אויסגעגאָסן געווען אַ ווילדע האַנאָע; אַזוי־פיל נאַכעס האָט זי פון זיין טוירע געשעפּט... דערמאָנט זי זיך, אַז היינט איז דאָך שוין דאָנערשטיק, אַז עס איז דאָך קיין דרייער אויף שאַבעס ניטאָ, און דאָס גאַניידן־ליכט אויפן פּנים ווערט וואָס אַ מאָל טונקעלער און טונקעלער, ביז דער שמייכל פאַרשווינדט פון גאַנצן פּנים... דערנאָך וואַרפט זי אַ בליק דורכן פאַרגרינטן פענצטער, קוקט אויף דער זון — עס מוז שוין זיין שפּעט, און עס איז נאָך אין שטוב קיין לעפל וואַרעם וואַסער ניטאָ — און די שפּיזלעך בלייבן איר שטיין אין דער האַנט, אַ טונקעלער שאָטן האָט שוין דאָס פּנים באַדעקט. זי וואַרפט אַן אויג אויפן קינד; עס שלאָפט שוין אומרויִק, עס וועט זיך באַלד אויפכאַפּן, עס איז פאַרן קראַנקן קינד קיין טראָפּן מילך ניטאָ — און פון שאָטן איז שוין אַ וואָלקן געוואָרן, די שפּיזלעך הייבן אָן אין דער האַנט צו ציטערן, צו וואַרפן זיך...

און אַז זי דערמאָנט זיך נאָך, אַז, אויסער דעם, גייט צו פּייסעך... אַז די אוירינגלעך מיט די בענטשליכטערס זיינען פאַרזעצט, דער קאַסטן — לער, דער הענגלייכטער — פאַרקויפט, הייבן אָן די שפּיזלעך גאָר מערדעריש צו טאַנצן! דער וואָלקן אויפן פּנים ווערט טונקל־בלוי, אָנגעלאָדן... אין די קליינע, גרויע אויגן, וואָס מע זעט קוים אַרויס פון אונטערן טיכל אויפן קאָפּ, באַווייזן זיך — בליצן!

ער — זיצט נאָך אַלץ און לערנט; ער באַמערקט ניט, אַז עס מאַכט זיך אַ געוויטער, אַז עס ווערט אַלעמאָל געפערלעכער... אַז זי לאָזט אַרויס דעם זאַק

---

[1] זויכע צו ביידע טישן — פאַרדינט (האָט דאָס גליק צו האָבן) די וועלט און יענע וועלט.

מיט די שפּיזלעך פֿון דער האַנט און הייבט אָן קנאַקן די אויסגעדאַרטע פֿינגער, אַז זי קנייטשט אײַן דעם שטערן פֿאַר ווייטיק, איין אויג ווערט צוגעמאַכט, און דאָס צווייטע קוקט אױף אים, מעסער־שפּיציק, אַפֿן מאַן, דעם לאַמדן, אַז עס וואָלט אים, ווען ער זאָל עס זען, קיל געוואָרן אין אַלע אייוורים: דאָך ער זעט ניט, ווי אירע בלויע ליפּן ציטערן, ווי די גאָמבע ציטערט, ווי עס קלאַפּט איר א צאָן אָן א צאָן... ווי זי האַלט זיך אײַן מיט אַלע קויכעס, ניט אויסצוברעכן... ווי דער דונער רײַסט זיך און רײַסט, און עס דאַרף נאָר א קלייניקײַט, ער זאָל אַרויס פֿון מויל.

דאָס קלייניקײַט האָט זיך געטראָפֿן:

ער לערנט און טײַטשט זיך אויס בענימעס: „איז דאָך פֿונדאַנען געדרונ־געגען...” נאָר דאָס וואָרט „געדרונגען” איז שוין גענוג געווען... אין דעם וואָרט האָט זיך אָנגעכאַפּט דאָס פֿאַרביטערטע האַרץ, דאָס איז געווען דער פֿונק צום פּולווער!

איר שטאַרקער ווילן פּלאַצט. דאָס אומגליקלעכע וואָרט האָט געעפֿנט אַלע פֿאַרהאַמערטע טויערן, אופֿגעהאַקט אַלע ריגלען... אויסער זיך איז זי צוגע־שפּרונגען צום מאַן מיט פֿינע אין מויל, מיט נעגל אין פּאָנעם אַרײַן.

— געדרונגען, זאָגסטו, געדרונגען? אײַ, א דרינגעניש זאָל אױף דיר קומען, ריבוינעשעלוילעם! — האָט זי אויסגעשריען מיט א הייזעריק קאָל פֿאַר קאַס, — א דרינגעניש, ריבוינעשעלוילעם! יאָ! יאָ! — האָט זי ווײַטער מיט א שלאַנגען־קאָל געסיטשעט: — פֿאַר פּייסעך... דאָנערשטיק... ס'קינד קראַנק... קיין טראָפּן מילך! האַ!

עס פֿאַרפֿעלט איר אָטעם. די אײַנגעפֿאַלענע ברוסט שלאָגט פּאַליעס, פֿון די אויגן יאָגן בליצן.

ער בלײַבט ווי פֿאַרשטיינערט. בלייך איז ער אופֿגעשפּרונגען פֿון בענקל, אָן אָטעם פֿאַר שרעק, און האָט זיך הינטערווײַלעכס געריקט צו דער טיר.

זיי שטייען אײנס נעבן אַנדערן און קוקן זיך אָן; ער — מיט גלעזערנע אויגן פֿאַר שרעק, זי — מיט ברענענדיקע — פֿאַר קאַס... ער באַמערקט דאָך באַלד, אַז זי האָט פֿאַר קאַס קיין שליטע[1] נישט ניט איבער דער צונג, ניט איבער די הענט. די אויגן ווערן אים אַלעמאָל קלענער; ער כאַפּט אָן עק פּאַ־טשיילע אין מויל אַרײַן, רוקט זיך נאָך א ביסל אָפּ, אָטעמט טיפֿער אָפּ און מורמלט:

---

[1] שליטע — מאַכט, הערשאַפֿט.

— הער, דו, אישע...[1] ווייסטו, וואָס עס איז? ביטל טוירע[2], ניט לאָזן דעם מאַן לערנען, האַ? אַלץ פּאַרנאָסע, האַ? און ווער גיט דעם פּייגעלע? אַלץ ניט גלייבן אין גאָט! אַלץ יעיצערהאָרע, אַלץ נאָר די וועלט... נאַרישע אישע... מארשאס![3] ניט לאָזן לערנען אַ מאַן... דערפאַר קומט גענעם...

אַז זי ענטפערט ניט, ווערט ער שטאַרקער בא זיך! איר פּאָנעם ווערט בלייכער און בלייכער, זי ציטערט אַלעמאָל מער, און וואָס מער זי ציטערט און ווערט בלייכער — פעסטער און ראַשער ווערט זײַן קאָל:

— גענעם! פײַער! הענגען אף דער צונג! אַרבע מיסעס בעסדין![4]

זי שווײַגט, דאָס פּאָנעם איר'ס איז שוין ווי קרײַד.

ער פילט, אַז ער טוט ניט גלײַך, אַז ער דאַרף זי ניט אַזוי קרענקען, אַז ער רעדט ניט ערלעך; נאָר אײַנהאַלטן קאָן ער זיך שוין ניט. אַלעס שלעכטע, וואָס ער האָט ביז אַהער אין זיך געהאַט, שיטן זיך אים אַרויס, ער קאָן זיי ניט אײַנהאַלטן.

— ווייסט, וואָס טײַטש? — גייט זײַן קאָל איבער ווי אין אַ בייזן דונער. — סקילע — דאָס הייסט: וואַרפן אין גרוב אַרײַן און פאַרשיטן מיט שטיינער! סרייפע, — פירט ער ווײַטער און וווּנדערט זיך אַליין אף זײַן האָזע, — סרייפע, דאָס הייסט: אַרײַנגיסן אין די געדערעם אַ לעפל הייס־קאָכנדיק־זידנדיק בלײַ! הערעג... מע האַקט אָפּ דעם קאָפּ מיט אַ שווערד... אָט אַזוי! — און ער מאַכט אַ באַוועגונג מיט דער האַנט אַרום האַלדז. — הײַנט — כענעק... ווערגן... הערסט — ווערגן! פאַרשטייסט — ביטל טוירע! אַלץ פאַר ביטל טוירע!

דאָס האַרץ טוט אים שוין ווי פאַר ראַכמאָנעס אף זײַן קאָרבן! נאָר עס איז אים דאָס ערשטע מאָל, ער זאָל אַזוי גיוווער זײַן[5]... עס פאַרשיקערט אים! אַזאַ נאַרישע יידענע! ער האָט ביז אַהער גאָר ניט געוווּסט, אַז מע קאָן זי אַזוי איבערשרעקן!

— אָט דאָס איז ביטל טוירע! — שרײַט ער, ענדלעך, אויס. ער האַקט דאָך

---

1 אישע — פרוי.

2 ביטל טוירע — געמיינט: ניט לאָזן לערנען טוירע.

3 מארשאס — בייזע פרוי.

4 — אַרבע מיסעס בעסדין — פירערליי טויטן, צו וועלכן מע פלעג פאַרורטיילן זינדיקע לויטן אוראַלטן רעליגיעזן געזעץ.

5 גיוווער זײַן — באַזיגן, בײַקומען.

אַפּ זי קאָן דאָך צו־זיך קומען און כאַפּן אַ בעזעם! ער שפּרינגט צוריק צו צום טיש, פאַרמאַכט די געמאַרע און לויפט אַרויס...

— אין בעסמעדרעש אַרײַן גיי איך! — שרײַט ער איר צו, שוין מיט אַ ווייכערער שטימע, און פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר.

דאָס געשריי מיטן קלאַפּ פון דער טיר האָט אופגעוועקט דאָס קרענקלעכע קינד. עס הייבט לאַנגזאַם אוף די שווערע ברעמען, דאָס וואַקסן־געל פּאָנעם פאַרקרימט זיך, און עס הייבט אָן צו פּיַפּן אונטערן געשוואָלענעם נעזל, נאָר זי שטייט אַלץ אַף איר אָרט, אויסער זיך, ווי פאַרשטיינערט, און הערט ניט דעם קינדס קאָל.

— האַ! — רײַסט זיך איר, ענדלעך, אַ הייזעריק קאָל פון דער פאַרענגטער ברוסט אַרויס, — אַזוי — ניט די־וועלט, ניט יענע־וועלט... הענגען — זאָגט ער, ווערגן — זאָגט ער, הייסע סמאָלע, בלײַ — זאָגט ער! ביטל טוירע! גאָרניט... מיר גאָרניט... — העשעט איר אין צעריסענעם האַרץ, — דאָ הונגער... אָן אַ קלייד... אָן בענטשלײַכטער... אַלץ ניט... דאָס קינד הונגעריק... קיין טראָפּן מילך... און דאָרט — הענגען — ביטל טוירע — זאָגט ער.

— הענגען... כאַ! כאַ! כאַ! — רײַסט זיך ראַפּטום אַרויס איר פאַרצווייפלט קאָל. — הענגען, יאָ, נאָר דאָ! דאָ, באַלד! אַלציינס! נאָך וואָס וואַרטן?

דאָס קינד הייבט אָן העכער צו וויינען, נאָר זי הערט אַלץ ניט.

— אַ שטריק! אַ שטריק! — שרײַט זי אויסער זיך, און זוכט מיט פאַר־בלאָנדזשעטע אויגן אַ שטריק אין אַלע ווינקעלעך.

— אַ שטריק ווו נעמט מען? זאָל ער שוין מײַן געביין דאָ ניט טרעפן! לאָמיר כאָטש דאָס געזעגענען פאָטער ווערן! זאָל ער וויסן! זאָל ער זײַן אַ מאַמע! זאָל ער! אַ קאַפּאָרע בין איך! אַ מאַלעכהאַמאָוועס! אַן עק! אַן עק זאָל זײַן! אַ שטריק!

און דאָס לעצטע וואָרט רײַסט זיך איר פון האַלדז אַרויס, ווי אַ רוף אַף הילף בײַ אַ סרייפע.

זי דערמאָנט זיך, אַז עס ליגט ערגעץ אַ שטריק... יאָ, אונטערן אויוון... מע האָט געזאָלט אַף ווינטער דעם אויוון איבערבינדן, ער מוז נאָך דאָרט ליגן... — זי לויפט צו און געפינט דעם שטריק. אַ פרייד — זי האָט געפונען דעם אויצער. זי וואַרפט אַן אויג אַפן סופיט — דער האָקן זיצט... זי דאַרף נאָר אַפן טיש אַרוף.

— זי שפרינגט אַרוף

נאָר פון דער הייך דערזעט זי, אז דאָס דערשראָקענע, פארכאַלעשטע קינד איז אופגעזעצט, עס בייגט זיך איבערן וויגל; עס וויל ארויס! אָט־אָט פאַלט דאָס ארויס.

— מאמע! — האָט דאָס קינד קוים אויסגעריסן פון שוואכן העלדזל.

עס כאַפּט זי אָן א נייַער קאַס.

זי ווארפט אוועק דעם שטריק, שפּרינגט אראָפּ פון טיש, לויפט צו צום קינד און ווארפט אים דאָס קעפּל אפּן קישן צוריק, שרייַענדיק:

— מאמזער! אפילע הענגען לאָזט עס מיך ניט! אפילע ניט הענגען בעשאָלעם! עס וויל שוין ציצען... ציצען וויל עס... אָ! סאַם וועסטו ציצען פון דער ברוסט! סאַם!

— נא, פרעסער, נא! — שרייַט זי אויס אין איין אָטעם און שטופּט דעם קינד די אויסגעדארטע ברוסט אין מויל אַרייַן:

— נא, צי, בייַס!..

★

די פרומע קאַץ

דרײַ זינגפֿייגעלעך זײַנען געזעסן אין איין שטוב — און אַלע דרײַ, איינס נאָכן אַנדערן — האָט די קאַץ צורעכט געמאַכט...

עס איז קיין איינפֿאַכע קאַץ ניט געווען, נאָר אַן עמעס, עמעס פֿרומע נעשאָמע, וואָס האָט ניט אומזיסט געטראָגן די ווײַסע גוט־ייִדישע יופּע און געהאַט אייגעלעך, אין וועלכע דער הימל האָט זיך געשפּיגלט...

עס איז אַ פֿרומע קאַץ, אַ טווילע־קאַץ[1] געווען! צען מאָל אין טאָג האָט זי זיך געוואַשן... און געגעסן האָט זי שטיל, ערגעץ אין אַ זײַט, אין אַ ווינקעלע...

אַ גאַנצן טאָג האָט זי געכאַפּט וואָס־עס־איז מילכעדיקס, און ערשט, אַז די נאַכט איז צוגעפֿאַלן, האָט זי געגעסן פֿלייש, קאָשער מײַזן־פֿלייש...

און ניט געאײַלט זיך צו דער אכילע, ווי אַ גראָבע זאַך, ניט געכאַפּט און געשלונגען, ווי פּרעסער טוען; נאָר בעניַמעס, שפּילנדיק... זאָל דאָס מײַזל לעבן נאָך אַ רעגע... זאָל עס אַ ביסל אַרומטאַנצן, אָפּציטערן, ווידוי[2] זאָגן — אַ פֿרומע קאַץ כאַפּט ניט...

אַז מע האָט אין שטוב אַרײַן דעם ערשטן זינגפֿויגל געבראַכט, האָט זי אויף אים באַלד ראַכמאָנעס באַקומען; עס האָט זי באַם האַרצן אָנגעכאַפּט.

---

[1] אַ טווילע־קאַץ — אַ קאַץ, וואָס טוווּלט זיך. אַ שאַרף סאַטירישער אויסדרוק, געווענדט קעגן קלעריקאַלן (רעליגיעזע ייִדן פֿלעגן זיך טוווּלען — באָדן, אונטערטוקן זיך אין מיקווע).

[2] ווידוי — אַ טפֿילע פֿאַרן טויט.

— אזא שיינס, — זיפצט זי, — אזא קליינס, אזא מעכייַעדיק פייגעלע זאָל קיין אוילעמהאבע[1] ניט האָבן!

און אז עס קאָן קיין אוילעמהאבע ניט האָבן, איז זיכער די קאַץ! ערשטנס, וואשט זיך עס דייַטשמעריש, מיטן גאנצן לייַב אין שיסעלע וואסער...

צווייטנס, אז מע האָט עס אייַנגעזוצט אין שטייַג, איז עס שוין א כייַע־ראָע[2]. כאָטש א יונג, זיס און פייַן פייגעלע... האלט עס שוין מער פון דינאמיט, ווי פון שולכן־אָרעך[3].

הייַנט דאָס זינגען אליין! דאָס אויסגעלאסענע זינגען, דאָס צופייַפן און דאָס קוקן גלייַך אָן שום דערעכערעץ אין הימל אריַין! דאָס רייַסן זיך ארויס פון שטייַג צו דער זינדיקער וועלט, צו דער פרייַער לופט, צום אָפענעם פענצ־טער...

צי איז נאָך אמאָל א קאַץ אין שטייַג געזעסן? צי האָט נאָך אמאָל א פרומע קאַץ אזוי געפייפן?..

— און א שאָד, — וויינט דאָס פרומע הארץ אין דער פרומער קאַץ, — עס איז דאָך א לעבעדיקע זאך, א טייַערע נעשאָמע, א פונק פון דער הייך!

דער קאַץ קומען טרערן אין די אויגן:

— און דער גאנצער אומגליק איז, וואָס דער זינדיקער גוף איז אזוי שיין, דער אוילעמהאזע[4] דעריבער — אזוי לוסטיק, דער יעיצערהאָרע אזוי שטארק...

ווי קאָן אזא קליין זיס פייגעלע זיך אקעגנשטעלן דעם שרעקלעכן יעיצער־האָרע?

און וואָס מער עס לעבט, מער זינדיקט, דאָס גרעסער וועט זייַן די שטראָף...

— האַ!

און א הייליק פייַער האָט זיך אָנגעצונדן אין דער קאַץ, און זי איז ארופ־געשפרונגען אפן טיש, ווו די שטייַג מיטן זינגפייגעלע איז געשטאנען, און — עס פליִען שוין פעדערן אין צימער...

מע האָט די קאַץ געשלאָגן... די שלעג נעמט זי אָן פאר ליב... זי האָט פרום אָפגעקרעכצט, אָפגעמיאוטשעט א יאָמערלעכן אלכעט...

---

1 אוילעמהאבע — יענע־וועלט, גאַניידן.
2 כייַע־ראָע — א בייזע, ווילדע כייַע.
3 שולכן־אָרעך — קאָדעקס פון די יִידישע רעליגיִעזע געזעצן.
4 אוילעמהאזע — די־וועלט.

מער וועט זי שוין ניט זינדיקן...

מע האָט זי געשלאָגן, — פֿאַרשטייט די קאַץ, — דערפֿאַר, ווײַל זי האָט פֿאַרפּעדערט די שטוב; ווײַל אויפֿן ווײַסן געשטיקטן טישטעך זײַנען געבליבן פֿלעקן פֿון בלוט.

אַזאַ פּסק מוז מען מקיים זײַן[1] גוט, שטיל און פֿרום, עס זאָל קיין פֿעדער ניט פֿליִען, קיין טראָפּן בלוט ניט פֿאַלן...

און — אַז מע האָט דעם צווייטן זינגפֿייגל געקויפֿט און אין שטוב געלאָזט, האָט זי אים שוין שטיל און פֿײַן דערוואָרגן און מיט די פֿעדערן צוזאַמען אײַנגעשלונגען...

מע האָט די קאַץ געשמיסן...

איצטיקער האָט ערשט די קאַץ פֿאַרשטאַנען, אַז ניט וועגן פֿעדערן גייט עס, ניט וועגן פֿלעקן פֿון בלוט אויפֿן טישטעך...

דער סאָד איז, אַז מע טאָר ניט טייטן! אַז מע דאַרף ליב האָבן, מוחל זײַן...
מע דאַרף מוסר זאָגן, צום האַרצן ריידן!
אַ קאַנאַריק אַ באַלטשוווע[2] קאָן קומען צו אַזאַ מדרגה, צו וועלכער די פּראָסטע קאַץ וועט ניט דערגרייכן!
און די קאַץ דערפֿילט, ווי עס וואַקסט אין איר דאָס האַרץ פֿאַר פֿרייד!
אויס אַלטע, שלעכטע און האַרטע צײַטן! אויס בלוט פֿאַרגיסן!
ראַכמאָנעס, ראַכמאָנעס און נאָכאַמאָל ראַכמאָנעס...

און מיט ראַכמאָנעס איז זי צוגעגאַנגען צום דריטן קאַנאַריק!

— שרעק דיך ניט, — מאַכט זי מיט דער ווייכסטער שטים, וואָס איז אַמאָל אַרויס פֿון אַ קאַצישן האַלדז, — זינדיק ביסטו, נאָר איך וועל דיר קיין שלעכטס ניט טאָן, ווײַל איך האָב ראַכמאָנעס אויף דיר!

— איך וועל דיר אַפֿילע די שטײַג ניט עפֿענען, איך וועל דיך אַפֿילע ניט אָנרירן!

— דו שווײַגסט? זייער גוט! איידער פּרעכע לידער זינגען, איז גלײַכער שווײַגן!

---

[1] אַזאַ אורטייל מוז מען אויספֿילן.

[2] באַלטשוווע — וואָס האָט כאַראַטע אויף זײַנע זינד.

— דו צאַפּלסט — נאָך בעסער! צאַפּל, צאַפּל, מײַן קינד, נאָר ניט פֿאַר מיר, פֿאַרן בוירע־אוילעם[1] צאַפּל, פֿאַר זײַן ליבן נאָמען!

— האַלעווײַ זאָלסטו שוין אַזוי בלײַבן! — שטיל, ריין און צאַפּלדיק...

— איך וועל דיר העלפֿן צאַפּלען! פֿון מײַן פֿרומער נעשאָמע וועל איך הויכן אַף דיר שטילקײַט, זיסקײַט און פֿרומקײַט... מיט מײַן הויך זאָל אַרײַן עמונע[2] אין דײַן לײַב, יִראס־שאָמאַיִם[3] אין דײַנע ביינדעלעך, טשוווע און כאַראָטע אין דײַן הערצעלע!

און די קאַץ פֿילט ערשט, ווי גוט עס איז צו מוֹיכל זײַן, ווי אַ פֿרייד עס איז יענעם אַרײַנצובלאָזן מיטן הויך פֿרומקײַט און ערלעכקײַט.

און עס וואַקסט דאָס פֿרומסטע האַרץ אין דער פֿרומסטער ווײַסער קאַץ — עס האָט אים דערשטיקט!

★

[1] בוירע־אוילעם — וועלט־באַשעפֿער (גאָט).
[2] עמונע — גלויבן.
[3] יִראס־שאָמאַיִם — גאָטספֿאָרכטיקײַט.

דער מעשולער

ער גייט, און דער ווינט צעיאָגט די פּאָלעס און די ווײַסע באָרד.

אַלעמאָל כאַפּט ער זיך אָן מיט דער רעכטער האַנט אין דער לינקער זײַט! עס גיט אים אַלעמאָל דאָרט א שטאָך. ער וויל זיך דאָך נישט מודע זײַן; ער וויל זיך דאַפקע אײַנריידן, אז ער טאַפּט נאָר בא דער בוזעם־טאַש.

— איך זאָל נאָר דעם קאָנטראַקט מיט דעם געלט נישט פאַרלירן! — אָט פאַר דעם מיקלוימערשט ציטערט ער.

— און אַפילע עס שטעכט, איז אויך א נאַרישקייט! איך האָב נאָך, געלויבט איז גאָט, געזונט קויעך אף אזא שליכעס. אַנדערע אין מײַנע יאָרן וועלן שוין קיין וויאָרסט נישט אָפּגיין, נאָר איך, געלויבט איז זײַן ליבער נאָמען, דאַרף נאָך נישט צו קיין מענטשן און פאַרדין מיר אַליין מײַן ברויט... געלויבט איז גאָט, מע געטרויט מיר געלט!

— ווען איך האָב מײַן אייגנס, — טראַכט ער ווײַטער, — וואָס מע געטרויט מיר, וואָלט איך אין שליכעס צו זיבעציק יאָר נישט געגאַנגען; וויל אָבער דער ריבוינעשעלוילעם אזוי, איז אזוי גוט!

עס הייבן אָן צו פאַלן גראָבע פלאַכעס שניי; ערווישט זיך אַלעמאָל דאָס פּאָנעם.

— איך האָב נאָך, — טראַכט ער, — אײַנגאַנצן א האַלבע מײַל, אָווא! אויך מיר א גאַנג! א סאַך נעענטער, ווי ווײַטער! — ער דרייט זיך איבער — מע זעט שוין אַפילע נישט דעם שטאָטישן זייגער, נישט דעם קלויסטער, נישט די קאַזאַרמע. „נו, שמאַריע, פאָר!”

און שמאריע פּאַרט אין דעם נאָסן שניי; די אַלטע פּיס קאָפּען זיך אַריַין און אַרויס. — „געלויבט איז גאָט, עס איז קיין גרויסער ווינט נישטאָ!"

גרויס האָט, אָפּאָנעם, באַ אים געהייסן אַ שטורעמווינט; דער ווינט איז געווען גענוג שטאַרק און געיאָגט גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן, אַז עס האָט אים אַלעמאָל אָטעם פּאַרפּעלט; ער האָט אים אַרויסגעגאַרט אַלע טרערן פֿון די אַלטע אויגן, וואָס האָבן אים געשטאָכן, ווי שפּילקעס, נאָר אַף די אויגן לײַדט ער טאָמיד.

פֿאַרן ערשטן געלט, פֿאַלט אים אײַן, קויפֿט ער זיך וועגס־בריקן, — אַזוינע גרויסע, קײַלעכדיקע; זיי זאָלן די גאַנצע אויגן פֿאַרשטעלן.

— גאָט זאָל װעלן, — טראַכט ער, — וואָלט איך צו דעם אויך געקומען! עס זאָל נאָר זײַן אַלע טאָג אַ שליכעס, און ווײַט, גאָר ווײַט! גיין, באָרעכהאַ־שעם, קען איך, וואָלט איך מיר שוין אָפּגעשפּאָרט אַף אַ פּאָר בריקן...

ער דאַרף אַפּילע אַ שטיקל פּעלצל אויך. עס וואָלט אים לײַכטער געווען אַף דער ברוסט... ער רעכנט איבער, אַז דערווײַל האָט ער נאָך אַ וואַרעמע קאַפּאָטע!

— זי זאָל זיך נאָר נישט רײַסן, וואָלט זי גאָר וויל געווען. — ער שמייכלט מיט פֿאַרגעניגן. — דאָס, — טראַכט ער, — איז נישט קיין הײַנטיקע קאַפּאָטע, קיין קײַ און שפּײַ, קיין שפּינוועבס! נאָר פּאַרצײַטיקער לאַסטיק; דאָס וועט מיך איבערלעבן! און אָן אַ שפּאַלט, דאָס איז אויך אַ מײַלע; זי צעפּליט זיך נישט אַזוי ווי אַ הײַנטיקע סכוירע, און פֿון פֿאָרנט פֿאַרלייגט זי זיך אַף אַן אייל!..

— אַ פּעלצל, — טראַכט ער ווײַטער, — איז אײגנטלעך בעסער. אַ פּעלצל איז וואַרעם, גוט וואַרעם. נאָר אַלץ פֿריִער בריקן. אַ פּעלצל איז נאָר גוט ווינ־טער, און בריקן דאַרף מען טאָמיד. וואָרעם זומער, אַז עס מאַכט זיך אַ ווינט און יאָגט דעם שטויב גלײַך אין די אויגן אַרײַן, איז ערגער ווי ווינטער!

און עס בלײַבט, אַז פֿריִער זײַנען בריקן, דערנאָך ערשט אַ פּעלצל! דער איבערשטער זאָל נאָר העלפֿן, ער זאָל אָפּנעמען דעם ווייץ... אַ פֿיר גילדן וועט ער אַוודאי כאַפּן...

און ער שליאָפּעט ווײַטער, און דער נאַסער שניי פּאַטשט אים אין פּאָנעם אַרײַן, דער ווינט ווערט אַלעמאָל שטאַרקער און די זײַט שטעכט אַלעמאָל מער.

— דער ווינט זאָל זיך נאָר וועלן איבערדרייען! נאָר מינאַסטאַם, — טראַכט ער, — איז אַזוי גלײַכער, צוריקוועגס וועל איך מער מיד זײַן, וועל איך אים

דעמלט האָבן פון הינטן! אָ, דעמלט וועט עס גאָר אַנדערש גיין! אַלץ פאַרזאָרגט! גרינג אפן האַרץ!

ער האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן א רעגע און דעם אָטעם כאַפּן. דאָס שרעקט אים א ביסל איבער:

— וואָס איז אזוינס מיט מיר געשען? ווייניק פרעסט און ווינטן האָב איך אויסגעהאַלטן אַלס קאַנטאָניסט? — פרעגט ער זיך טרויעריק און האַלב דערשראָקן.

און ער דערמאָנט זיך זיין סלוזשבע אַלס ניקאָלייעווסקער סאָלדאַט. פינף און צוואַנציק יאָר ריינע סלוזשבע אונטער דער ביקס, כוץ די קינדערשע יאָרן אַלס קאַנטאָניסט. ער איז זיך געגוג אָנגעגאַנגען אין זיין לעבן, געמאַרשירט איבער בערג און טאָל, אין שניי און פרעסט און אַלערליי זאַווערוכעס. און וועלכע שנייען, וועלכע פרעסט! די ביימער פלעגן פּלאַצן, פייגעלעך פלעגן טויט אַראָפּפאַלן אַף דער ערד — און דער רוסישער סאָלדאַט איז געגאַנגען, פריש, לעבעדיק, און נאָך דערצו א לידעלע געזונגען, א טרעפּאַק, א קאַמאַרינסקי און מיט די פיס צוגעקלאַפּט!

דער געדאַנק, אַז ער האָט גאַנצע פינף און דרייסיק יאָר אויסגעהאַלטן די פאַרצייטיקע סלוזשבע, אויסגעשטאַנען אַלע צאָרעס, אַלע שנייען, אַלע ווינטן, אַלע שלעק, הונגער, דאָרשט און נויט, און א געזונטער אַהיים געקומען! — דער געדאַנק מאַכט אים גרויס! ער הייבט אוף דעם קאָפּ מיט גאַדלעס און גייט מיט נייעם קויעך.

— האַ, האַ, וואָס איז גאָר בא מיר אַזא פרעסטל? אין רוסלאַנד, דאַכט זיך, איז געווען עפּעס אַנדערש!

ער גייט, דער ווינט ווערט א ביסל שטילער, עס ווערט אַלעמאָל טונקעלער, עס פאַלט צו די נאַכט.

— אויך מיר א טאָג, — טראַכט ער, — א טאַל־אומאָטערל!.. — און ער הייבט זיך אָן מער צו יאָגן, עס זאָל אים נישט די נאַכט באַפאַלן. נישט אומזיסט גייט ער שאַבעס אין שולכל לערנען טוירע, ער ווייסט: מע דאַרף אַרויסגיין און צוריקומען בעכי טויוו!

ער פילט א ביסל הונגער, און א טעווע האָט ער, אַז ווען ער ווערט הונגעריק, ווערט ער לוסטיק! ווייסט, אַז אַפּעטיט איז א גוטע זאַך: זיינע סאָכרים, וואָס שיקן אים אין שליכעס, ווײנען טאָמיד נאָר אַף דעם, וואָס זיי זיינען קיינמאָל נישט הונגעריק! ער האָט, באַרעכהאַשעם, אַפּעטיט! אויסער, אַז ער איז

נישט בעקאַוו־האבריִע ווי, לעמאַשל, נעכטן; ער איז קראַנק געווען, האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס ברויט איז זויער.

— גיי, ווּ איז עס זויער געווען; זעלנעריש ברויט! אמאָל עפּשער יאָ. אָבער היינט באַקט פאַניע אַזאַ ברויט, אַז די ייִדישע בעקערס מעגן זיך באַהאַלטן. און געקויפט האָט ער אַ פריש ברויט! עס איז געווען אַ מעכייַע צו שנייַדן. ער איז אָבער נישט געוועזן בעקאַוו־האבריִע, עפּעס האָט אים אַ קעלט געיאָגט דורך די ביינער.

— נאָר געבליבט איז דער, וואָס ער איז נישט ווערט זייַן נאָמען צו געדענקען, עס טרעפט זיך אים זעלטן!

אַצינד האָט ער אויך אַפּעטיט, ער האָט אַפילע אין קעשענע ברויט מיט אַ שטיקל קעז... דאָס שטיקל קעז האָט אים דעם סויכערס ווייַב געגעבן, לעבן זאָל זי און געזונט זייַן! זי איז טאַקע אַ באַלצדאַקע, זי האָט אַ ייִדיש האַרץ.

— זי זאָל נאָר נישט אַזוי קלאָלען, — טראַכט ער, — וואָלט זי געווען גאָר אַ ווױלע ייִדענע!.. — ער דערמאָנט זיך אין זייַן געשטאָרבן ווייַב.

— נאָר מייַן שפּרינצע נעפּריטשקע! זי האָט אויך געהאַט אַ גוט האַרץ, און אַזאַ טעווע צו קלאָלען. וואָס פאַר אַ קינד איך האָב אַוועקגעשיקט אין דער וועלט אַרייַן, האָט זי געווײנט ווי אַ ביבער, כאָטש אינדערהיים האָט זי זיי געשאָלטן מיט טויטע קלאָלעס! ווער שמועסט, — דערמאָנט ער זיך, — אַז איינס איז געשטאָרבן! זי האָט זיך געוואָרפן גאַנצע טעג, ווי אַ שלאַנג אַף דער ערד, געהאַקט זיך מיט די פויסטן אין קאָפּ אַרייַן.

איינמאָל האָט זי גאָר געוואָלט וואַרפן אַ שטיין אין הימל אַרייַן!

— אָט, זעסטו, — טראַכט ער, — גאָט מאַכט זיך אַ סאַך פון אַ נאַרישער ייִדענע!.. זי לאָזט אָבער נישט אַרויסנעמען די מיטע מיטן מעס, זי פּאַטשט אויס די ווייַבער, דער כעוורע־נויסים רייַסט זי אויס די בערד!

— אַ שיינע גווורע האָט געשטעקט אין דער שפּרינצען! עס האָט זיך געדאַכט אַ פליג, און אַזאַ קויעך!..

— פאָרט, זי זאָל עס מיר מויכל זייַן, אַ גוטע געווען! זי האָט אַפילע מיך אויך ניט פייַנט געהאַט. כאָטש זי האָט מיר קיינמאָל קיין גוט וואָרט ניט געגעבן!

געשריגן האָט זי: אַ געט, אַ געט! אַז ניט, וועט זי אַזוי אַנטלויפן! נאָר ווּ האָט זי געוואָלט אַ געט!

ער דערמאָנט זיך עפּעס און שמייכלט...

די מײַסע איז שוין לאַנג, לאַנג... דענסטמאָל איז נאָך געווען די קאָנסומ־ציע, און ער איז געווען א נאַכט־וועכטער, און ארומגעגאַנגען גאַנצע נעכט מיטן אײַזערנעם שטעקעלע, מע זאָל ניט ארײַנגאַנווענען בראַנפן!

סלוזשבע האָט ער געקאָנט, בא פּאָניען איז א גוטער כּיידער, ער האָט גוטע מעלאַמדים געהאַט!.. פאַרטאָג, ווינטער איז עס געווען, עס קומט אים אָפּבײַטן דער טאָג־וועכטער, כאַים־יוינע — איז שוין אפן אוילעם־עמעס, — און ער גייט אהיים געפרוירן, פאַרשטאַרט! ער קלאַפּט אין דער טיר, און זי שרײַט אים ארויס פון בעט:

„גיי אין דער ערד ארײַן! איך האָב געמיינט, דײַן נאָמען וועט אהיים קומען״.

אַהאַ! זי איז בייז נאָך פון נעכטן באַטאָג! ער קען זיך אפילע נישט דער־מאַנען, וואָס נעכטן איז אזוינס געווען, נאָר זײַן האָט דאָך עפּעס געמוזט.

„פאַרמאַך דאָס מויל און עפן!״ — שרײַט ער.

„דעם קאָפּ וועל איך דיר עפּענען!״ — הערט זיך א קלאָרע טשוועו.

„לאָז מיך ארײַן!״ — שרײַט ער.

„אין דר׳ערד ארײַן גיי!״ — ענטפערט זי.

און ער האָט זיך מעיאַשעוו געווען און איז געגאַנגען אין בעסמעדרעש ארײַן. ער האָט זיך געלייגט שלאָפן הינטערן אויוון. צום שלימאַזל איז געווען א סוואָנד, ער איז פאַרגאַרעט געוואָרן, און מע האָט אים אהיים געטראָגן א טויטן...

א קלייניקײַט האָט דעמלט שפּרינצע איבערגעאַרבעט! ער האָט שפּעטער גאַנץ גוט געהערט, וואָס זי האָט איבערגעאַרבעט.

מע זאָגט איר: עס איז גאָרנישט, א סוואָנד.

ניין! זי וויל נאָר א דאָקטער; זי האָט בעדייע צו כאַלעשן, צו וואַרפן זיך אין וואַסער ארײַן, און שרײַט נאָר: מײַן מאַן! מײַן מאַן, מײַן טאַכשיט!

ער נעמט צוזאַמען אַלע קויכעס, זעצט זיך אויף און פרעגט זי געלאַסן:

„שפּרינצע, ווילסט א געט?״

„נעם אײַן...״ — זי האָט דאָך נישט געענדיקט די קלאָלע און ארויסגעלאָזט א געוויין...

„שמאַריע, ווי מיינסטו, גאָט וועט מיך ניט שטראָפן פאַר מײַנע קלאָלעס, פאַר מײַן רישעס?..״

קוים איז ער אָבער געזונט געוואָרן — צוריק די אייגענע שפּרינצע: א מויל אויף רעדער, א צונג אויף שרויפן, און אײַזן־שטאַרק, זי קראַצט ווי א קאַץ,

האַ, האַ! אַ שאָד שפּרינצע! זי האָט אפילע קיין נאַכעס פון די קינדער ניט דערלעבט.

עס מוז זיי גוט גיין אַף דער וועלט; אַלע באַלמעלאָכעס. די מעלאָכע לאָזט ניט שטאַרבן פאַר הונגער! קויעך האָבן זיי, און מיר גראָטן; אײַ וואָס, זיי שרײַבן ניט, וואָס איז? אַליין קאָנען זיי ניט, און גיי בעט ערשט אַן אַנדערן, יענער זאָל שרײַבן! און וואָס פאַר אַ טאַם האָט אַזאַ בריוו? ווי איבערגעשווענקטע יויך! און גלאַט מיט דער צײַט... יונגע קינדער פאַרגעסן... עס מוז זיי דאָך גאָר גוט זײַן...

נאָר שפּריכצע נעבעך ליגט אין דער ערד! אַ שאָד שפּרינצע!

— אַזוי ווי קאָנסומציע האָט אופגעהערט, איז זי געוואָרן אויס מענטש! טאַקע, איידער איך האָב מיך געווינט צום שליכעס, צו זאָגן דעם פּאָרעץ: יאַשניע פּאַניע, ניט וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע, איידער מע האָט מיר געטרויט קאָנטראַקטן מיט געלט — האָט געפעלט דאָס שטיקל ברויט...

מיילע איך, זעסטו, אַ מאַנספּאַרשויִן, אַ געוועזענער קאָנטאָניסט, עסט מען ניט אַ טאָג! איר אָבער איז עס געגאַנגען, מישטיינס־געזאָגט, אינעם גאַנצן לעבן! אַ נאַרישע יידענע, זי פאַרלירט באַלד די קויכעס, זי האָט שוין אַפילע ניט געקאָנט שעלטן, דער גאַנצער שייגעץ איז איר פון קאָפּ אַרויס, און נאָר געוויינט...

עס איז מיר נימעס־אומאָעס געוואָרן פאַרן לעבן... עפּעס האָט זי גאָר מוירע געקריגן פאַר מיר! זי האָט גאָר מוירע געהאַט צו עסן, מיר זאָל ניט פעלן. אַז איך זע, אַז זי האָט מוירע, בין איך באַ קוראַזש, איך שרײַ, איך שעלט! לעמאָשל: פאַרוואָס גייסטו ניט פרעסן?! איך פאַל אַמאָל אין אַ רעציכע אַרײַן און וויל זי פּאָשעט שלאָגן, נאָר גיי שלאָג אַ וויינענדיקע יידענע, אַז זי זיצט פאַרלייגט די הענט און רירט זיך ניט! איך לויף צו מיט אַ קולעק, שפּײַ אין אים נאָך אָן, און זי ענטפערט מיר: „עס פריער דו אָפּ, איך וועל נאָכדעם עסן!" און איך האָב געמוזט פריער אָפּבײַסן פונעם ברויט, און איר איבערלאָזן די רעשט...

אַמאָל נאַרט זי מיך אַרויס אין גאַס אַרײַן: איך וועל שוין עסן, גיי נאָר אין גאַס אַרײַן; גיי, עפּשער וועסטו עפּעס פאַרדינען, און מיקלוימערשט שמייכלט זי דערבײַ, און גלעט מיך אַמאָל!

און אַז איך גיי און קום צוריק, טרעף איך קימאַט דאָס אייגענע ברויט! זי רעדט מיר אײַן, אַז זי קאָן ניט עסן קיין טרוקנס, זי דאַרף גאָר אַ גריץ!

ער בייגט אראָפּ דעם קאָפּ, גלייך עס וואָלט אים געדריקט א שווערע לאסט, און די טרויעריקע געדאנקען יאָגן:

— און וואָס פאר א יעלאָלעס זי האָט געמאכט, אז איך האָב געוואָלט מיין שאבעסדיקע קאפּאָטע, אָט די, וואָס איך טראָג, — פארזעצן! מייסים האָט זי געארבעט און געלאָפן און פארזעצט אירע מעשענע בענטשלייכטער, און ביז אין טויט אריין שוין געבענטשט אין קארטאָפל!.. פארן טויט האָט זי מיר מוידע געווען, אז זי האָט קיינמאָל ניט געוואָלט קיין געט, אז זי האָט נאָר א ביין מויל געהאט.

„די צונג, די צונג, — האָט זי געשריען. — ריבוינעשעלוילעם, זיי מיר מויכל די צונג!" — און איז טאקע געשטאָרבן אין איין פּאכעד, מע זאָל זי אף יענער־וועלט ניט הענגען אף דער צונג!

„גאָט, — מאכט זי צו מיר, — וועט קיין ראכמאָנעס אף מיר ניט האָבן: איך האָב צופיל געזינדיקט! נאָר אז דו וועסט קומען, ניט באלד, כאסוועשאָלעם! איבער הונדערט און צוואנציק יאָר, אז דו וועסט קומען, געדענק, כאפּ מיך אראָפּ פון טליע! זאָג דעם בעסדין־שעל־מיילע, אז דו האָסט מיר מויכל געווען!"

זי האָט באלד פארלוירן די געדאנקען, אלץ גערופן די קינדער! עס האָט זיך איר געדאכט, אז זיי זיינען דאָ אין שטוב, אז זי רעדט מיט זיי, און האָט זיי אויך געבעטן מעכילע.

א נארישע יידענע, ווער וואָלט איר ניט מויכל געווען.

ווי אלט איז זי געוועזן אינגאנצן? עפּשער א יאָר פופציק! אזוי פרי גע־שטאָרבן! א קלייניקייט, אז א מענטש נעמט זיך אליין צו דאָס לעבן, אז וואָס מע טראָגט ארויס פון שטוב צו פארזעצן, טראָגט מען ארויס האלב געזונט, שטיקער פליישו!..

טאָג אף טאָג איז זי גרינער און געלער, קלענער און דארער געוואָרן.

זי האָט געזאָגט, אז זי פילט, ווי דער מארך טריקנט איר אין די ביינער... זי האָט געוווסט, אז זי וועט שטארבן...

ווי האָט זי ליב געהאט די שטוב מיט אלע זאכן! וואָס מע האָט ארויסגע־געבן, א בענקל, א בלעכענע העסע, איך וויים וואָס, האָט זי עס באגאָסן מיט ביטערע טרערן! זי האָט זיך מיט יעדער זאך געזעגנט, ווי א מאמע מיט א קינד!.. מישטיינס־געזאָגט, ארומגעכאפּט און קימאט געקושט... „אָהאָ! — מאכט זי, — ווען איך וועל שטארבן, וועסטו שוין ניט זיין אין שטוב!"

א מייַסע, א נעקיווע איז פאַרט א נאר! א רעגע איז זי א קאַזאק אין ספאַד־ניצע, און א ליאדע וואָס — ערגער ווי א קינד! זעסטו שוין, באם שטארבן איז אוואדע א כילעק, צי מיט א בענקל, צי אָן א בענקל...

— פע! — האקט ער זיך אליין איבער די געדאנקען. — וואָס מיר קומט אלץ אין קאָפּ אריַין, דורך די פוסטע זאכן גיי איך וואַלגע.

— נו, זעלנערישע פיס, טראָגט ווייַטער! — קאָמאנדירט ער מיט זיך.

ער קוקט זיך אום — ארום און ארום שניי; אויבן — א גרויער הימל מיט שווארצע שמאטעס געלאטעט.

— גאָר מייַן אונטערשטע קאפּאָטע! — טראכט ער. — שיינעט מיט לאסטי־קענע לאטעס! ריבוינעשעלוילעם, דיר פעלט אויך קרעדיט אין געוועלב?

דערוויַיל נעמט א פראָסט. די באָרד און די וואָנצעס זייַנען אייַז, אין גוף איז אפילע נישקאָשע, דער קאָפּ איז גאָר ווארעם, אפּן שטערן פילט ער טראָפּנס שווייס; נאָר די פיס ווערן וואָס א מאָל קעלטער און שוואכער.

שוין ניט ווייַט, ער האָט דאָך כיישעק זיך אָפּצורוען און ער שעמט זיך פאר זיך אליין. דאָס ערשטע מאָל דארף ער זיך אָפּרוען בא א שליכעס פון צוויי מייַל וועג. ער וויל זיך ניט מוידע זייַן, אז ער איז אן אכציקער און עס איז שוין צייַט דערוף.

ניין, ער מוז גיין... נאָר גיין... קאָלזמאן מע גייט, גייט מען. עס טראָגט זיך; קוים גיט מען נאָך דעם יעיצערהאָרע און מע רוט זיך אָפּ, ווערט מען שוין א לייַט!

מע קאָן זיך גלאט פארקילן, שרעקט ער זיך אליין איבער, — און וויל זיך אלץ אויסריידן דעם שטארקן כיישעק צום אָפּרוען.

— ניט וויַיט שוין צום דאָרף, דאָרט וועל איך אויך צייַט האָבן!

— דאָס, — טראכט ער, — וועל איך יאָ טאָן: איך וועל ניט גיין גלייַך צום פאָרעץ... באם פאָרעץ מוז מען ווארטן א שאָ אין דרויסן... נאָר גלייַך צום ייִד.

— כאָטש גוט, — טראכט ער, — וואָס איך האָב ניט קיין מוירע פאר דעם פאָרעצס הונט; פונדעסטוועגן, באנאכט, אז מע לאָזט אָפּ דעם בורן, איז פאָרט א סאקאָנע; איך האָב מיט זיך אפילע מייַן וועטשערע, און בורי האָט ליב קעז, פאָרט בעסער פריִער אויסרוען די ביינער! איך וועל מיר פריִער אריַינגיין צום ייִד, אָנווארעמען זיך, וואשן זיך, עפּעס עסן...

און עס קומט אים וואסער אין מויל אריַין; ער האָט פון אינדערפרי אָן ניט געגעסן; נאָר דאָס איז א קלייניקייַט, אים ארט ניט, וואָס ער איז הונגעריק;

ער האָט האַנאָע דערפֿון: אַז מע איז הונגעריק, איז אַ סימען, אַז מע לעבט! נאָר די פֿיס!..

ער האָט נאָך אײַנגאַנצן אַ צוויי װיאָרסט, ער זעט שוין אַרויס דעם פּאָרעצס גרויסע שאָפּע... נאָר די פֿיס זענען ניט, זיי ווילן זיך דאַפּקע אָפּרוען!

— און ווידער פֿאַרקערט, — טראַכט ער זיך, — וואָס איז, אַז איך וועל מיך אַ ביסל אָפּרוען? אַ מינוט, אַ האַלבע מינוט! עפּשער יאָ? לאָז מיך נאָר פּרוּוון? אַזוי לאַנג פֿאָלגן מיך די פֿיס, וועל איך זיי אויך אַמאָל פֿאָלגן!

און שמאַריע זעצט זיך אין דער זײַט אױף אַ בערגל שניי. אַצינד הערט ער ערשט, ווי דאָס האַרץ קלאַפּט אין אים ווי אַ האַמער און עס שטעכט, און דער קאָפּ שוויצט...

ער דערשרעקט זיך... צי ווערט ער ניט קראַנק? ער האָט בײַ זיך פֿרעמד געלט! ער קאָן בלײַבן, כאַסװעשאָלעם, כאַלאָשעס... און ער טרייסט זיך: געלויבט איז גאָט, וואָס קיינער גייט ניט! און אַפֿילע עמעצן זאָל גיין, וועט אים אויך ניט אײַנפֿאַלן, אַז איך האָב געלט בײַ מיר... מישטיינס־געזאָגט, ווען מע געטרויט געלט!.. נאָר אַ קאָפּ זיצן, דערנאָך וואַלײַ!

נאָר די ברעמען פֿאַלן אים צו ווי בלײַ.

— ניין, הייב דיך אויף, שמאַריע, ווסטאַווײַ! — קאָמאַנדירט ער מיט זיך.

קאָמאַנדירן קאָן ער נאָך, אָבער אויספֿירן ניט, ער קען זיך ניט רירן. אים דאַכט זיך דאָך, אַז ער גייט אַלעמאָל שטאַרקער! אָט זעט ער שוין אַלע הײַזלעך... דאָ ווױנט אַנטעק, דאָרט באַזילי; ער קען זיי אַלע, ער דינגט בײַ זיי פֿורן... צום ייִד איז נאָך ווײַט, נאָר גלײַכער צום ייִד... מ'טרעפֿט דאָרט אַמאָל אַ מעזומען... און אים דאַכט זיך, אַז ער גייט צום ייִדנס הײַזל; נאָר עס רוקט זיך אָפּ אַלעמאָל ווײַטער, ווײַטער... מינאַסטאַם דאַרף אַזוי זײַן... עס ברענט דאָך אַ פֿרײלעך פֿײַערל אױפֿן קוימען, דאָס גאַנצע פֿענצטערל איז לוסטיק און רויט, די גראָבע מירל שוימט אוואַדע אַ גרויסן טאָפּ קאַרטאָפֿל, און זי איז אים שטענדיק מעכאַבעד מיט אַ קאַרטאָפֿל; אַ פֿאַרגעניגן אַ הייסע קאַרטאָפֿל! און ער רוקט זיך ווײַטער. אַזוי דאַכט זיך אים, כאָטש ער זיצט אויף איין אָרט.

דער פֿראָסט האָט אַ ביסל געלאָזט, עס הייבן אָן פֿאַלן ברייטע, דיקע פֿלאַכעס שניי.

אים איז, אַפּאָנעם, אויך וואַרעמער געוואָרן אין דער שניי־קאַפּאָטע, און עס דאַכט זיך אים, אַז ער איז שוין בײַם ייִד אין שטוב. מירל זײַערט די קאַרטאָפֿל, ער הערט, ווי דאָס וואַסער גיסט זיך: זיור, זיור, זיור, און אַזוי גיסט זיך פֿון זײַן לאַסטיקענער קאַפּאָטע אויך. יוינע גייט אַרום און זינגט אונטער

דער נאָז; זײַן שטייגער איז צו זינגען נאָך מײַרעוו, ווײַל דעמלט איז ער הונגעריק, און מאַכט אַלעמאָל: „נו, מירל!“

נאָר מירל יאָגט זיך ניט: „וואָלנער טוט זיך בעסער!“

— צי שלאָף איך און עס כאָלעמט זיך מיר? — ווערט ער ראַפּטום פרייַלעך־דערשראָקן. עס דאַכט זיך אים, אַז עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן זײַן עלטערער זון... כאָנע! כאָנע! אָ! ער דערקענט אים! וואָס טוט ער דאָ? נאָר כאָנע דערקענט אים ניט, און ער מאַכט זיך ניט וויסנדיק... כאַ, כאַ, כאַ! ער דערציילט יוינען, אַז ער פאָרט צום טאַטן, ער האָט דעם טאַטן ניט פאַרגעסן! און יוינע מאַמזער זאָגט אים ניט, אַז דער טאַטע זיצט אַפן באַנק־בעטל!.. מירל האָט צו טאָן: זי איז פאַרנומען בא די קאַרטאָפל, זי וועט ניט מאַפּסיק זײַן; זי שמייכלט נאָר, זי רײַבט די קאַרטאָפל מיטן גרויסן הילצערנעם לעפל און שמייכלט!

— אָ! כאָנע מוז זײַן רײַך, גאָר רײַך! אַלץ איז אַף אים גאַנץ, און אַ קייט... עפשער טאָמביק? ניין, אַוואַדע גאָלד! כאָנע וועט ניט טראָגן קיין טאָמביקענע קייט, כאַסוועשאָלעם... כאַ! כאַ! כאַ! — ער גיט אַ קוק אַפן פּיעקאַליק... כאַ! כאַ! — ער פּלאַצט שיר פאַר געלעכטער. יעקל, בערל, זכאַריע... אַלע דרײַ... כאַ! כאַ! זיי האָבן זיך באַהאַלטן אַפן פּיעקאַליק, דאָס איז גאַנאַווים! כאַ! כאַ! אַ שאָד שפּריִנצע, אַ שאָד! זי זאָל כאָטש אויך האָבן דעם נאַכעס! דערווײַל באַשטעלט כאָנע צוויי געגנדז. „כאָנע! כאָנע! דערקענסט מיך ניט? איך בין עס!..“ און אים דאַכט זיך, אַז ער צעקושט זיך מיט כאָנען...

„הערסטו, כאָנע, אַ שאָד די מאַמע, זי זאָל דיך זען!.. יעקל, בערל, זכאַריע, אַראָפּ פון פּיעקאַליק! איך האָב אײַך באַלד דערקענט! קומט אַראָפּ, איך האָב געוווּסט, אַז איר וועט קומען! אַ וועהאַרײַע, איך האָב אײַך מיטגעבראַכט קעז, עמעסן שאָפענעם קעז! זעט נאָר, קומט, קינדער, איר האָט דאָך עפּעס ליב זעלנעריש ברויט! וואָס? עפשער ניט? עמעס, אַ שאָד די מאַמע!

און עס דאַכט זיך אים, אַז אַלע פיר קינדער האָבן אים אַרומגערינגלט און האַלדזן אים און קושן און דריקן זיך צו אים צו.

„נאָר וואָלנע, קינדערלעך! וואָלנע, דריקט מיך ניט צו שטאַרק! איך בין שוין ניט קיין יונגערמאַן, איך בין אַן אַכציקער!.. וואָלנע, איר דושעט מיך, מיר, באָרעכהאַשעם, געטרויט מען געלט!.. גענוג, קינדערלעך, גענוג!..

און עס איז געווען גענוג... ער איז געבליבן פאַרשטאַרט מיט דער האַנט אַף דער בוזעם־קעשענע.

1890

שאָלעם-באַים

כאַים איז א טרעגער.

אז ער גייט דורך די גאַס, איינגעהויקערט אונטערן קאסטן סכוירע, זעט מען אים ניט ארויס; עס דאכט זיך, אז דער קאסטן גייט אליין אף צוויי פיס... דאָס שווערע אָטעמען הערט זיך דאָך פונוויַטנס!

דאָך — אָט לייגט ער אָפּ די לאסט, באקומט זיַנע עטלעכע גראָשנס; ער גלייַכט זיך אויס, אָטעמט שטארק אָפּ, בינדט אָפּ די פּאָלעס, ווישט זיך אָפּ דעם שווייס פון פּאָנעם, גייט גליַיך צום ברונעם, טוט א פּאָר שלונג וואסער און לויפט אין א הויף אריַין.

ער שטעלט זיך לעבן א וואנט. הייבט אוף דעם ריזן־קאָפּ אזוי, אז דער שפּיץ באָרד, מיט דער נאָז, מיטן דאשעק פונעם היטל קומען אויס אף איין שטעך.

ער רופט:

— כאנע!

פון אונטערן דאך עפנט זיך א קליין פענצטערל און א קליין וויַבערש קעפל אין א וויַיסן טשיפּעק ענטפערט:

— כאַים?!

דאָס פאָרפאָלק קוקט זיך גאנץ צופרידן אָן; די שכיינים זאָגן: זיי קעטשקען זיך. כאַים ווארפט ארוף זיַן פארדינסט, איַינגעוויקלט אין א שטיקל פּאפּיר. כאנע כאפט עס אין דער לופט; עס איז איר ניט דאָס ערשטע מאָל.

— א בעריע־ניפלאָע, — מאכט כאַים, און האָט גאָר קיין כיישעק ניט אוועקצוגיין.

— גיי, גיי, כאַים! — שמייכלט זי. — איך קאָן מיך ניט רירן פון קראַנקן קינד... איך האָב צוגעשטעלט דאָס וויגל צום קוימען... מיט דער האַנט שוים איך און מיטן פוס וויג איך...

— וואָס מאכט עס, נעבעך?

— בעסער!

— געלויבט איז גאָט! און הענע?

— בא דער בייטערן!

— יאָסל?

— אין כיידער.

כאַים לאָזט צוריק אראָפּ די באָרד, גייט אוועק, און כאַנע קוקט אים נאָך, ביז ער ווערט איר פארשוווּנדן.

דאָנערשטיק און פרײַטיק דויערט עס לענגער.

— וויפל האָסטו דאָ אינעם פאַפּירל? — פרעגט כאַנע.

— צוויי און צוואַנציק גראָשנס.

— איך האָב מוירע, עס איז ווייניק!

— וואָס דאַרפסטו דען, כאַנע?

— פאַר א זעקסער שמירעכץ פארן קינד, פאַר עטלעכע גראָשנס ליכט, כאַלע האָב איך שוין... פלייש אויך, אָנדערהאַלבן פונט... נו — בראַנפן אַף קידעש... הײַנט דאַרף מען נאָך עטלעכע דרענגלעך!

— דרענגלעך וועל איך דיר שוין שאפן, עס מוז זײַן אפן מאַרק.

— דאַרף איך נאָך...

און זי רעכנט אויס, וואָס זי דאַרף נאָך אלץ אַף שאַבעס. סאָפּקאָלסאָף בלײַבט: אז מע קאָן קידעש מאכן איבער כאַלע, און אז אָן א סאך זאכן איז זיך גאַנץ לײַכט צו באגיין.

דער איקער איז — בענטש־ליכט, אויך די זאַלב פארן קינד!

און פונדעסטוועגן, אז גאָט העלפט, די קינדער זײַנען געזונט, די מעשענע לײַכטער — ניט פארזעצט, ביפראַט אויב עס איז דאָ נאָך א קוגל — האָט דאָס פאַרפאָלק גאָר א פרייליכן שאַבעס!

וואָרעם כאַנע איז א בעריע־ניפלאָע צום קוגל!

שטענדיק פעלט איר עפּעס: דאָ מעל, דאָ אייער, דאָ פעטס, און צום סאָף קומט ארויס א פּעטער, א זיסער, א מעכייַעדיקער קוגל; ער צעגייט פּאָשעט אין אלע אייוורים!

— דאָס קאָכט דער מאלעך, — זאָגט כאנע און שמייכלט פאר נאכעס.

— יאָ, א מאלעך, אוואדע א מאלעך! — לאכט כאים. — דו מיינסט, אז דו ביסט א קלײנער מאלעך, אז דו האלטסט אויס פון מיר און פון די קינדער... וויפל מאָל טוען זיי דיר אָן צאָרעס, איך ווער אמאָל בייז... נו, איך הער עפּעס א קלאָלע פון דיר, ווי אנדערע בא די ווייַבער? און באשער, דו האָסט א סאָך נאכעס פון מיר? דו און די קינדער גייען נאקעט און באָרוועס... צו וואָס טויג איך? ניט צו קידעש, ניט צו האוודאָלע, איך קאָן אפילע ניט רעכט קיין זמירעס זינגען...

— ביסט פאָרט א גוטער טאטע, און א גוטער מאן! — האלט זיך כאנע באם אירייקן. — אזא יאָר אף מיר און אף קאָל־ייסראָעל... איך זאָל מיך נאָר עלטערן מיט דיר, ריבוינעשעלוילעם!

און דאָס פאָרפאָלק קוקט זיך אין די אויגן אריַין אזוי גוט, אזוי ווארעם, און אזוי מיטן גאנצן הארץ, אז עס דאכט זיך, זיי זייַנען ערשט פון אונטער דער כופע אפּיר...

עס ווערט נאָך פריילעכער באם טיש...

נאָר באַכן שלאָף גייט כאים אין קליינעם שולכל אריַין הערן טוירע.

דאָרט לערנט א מעלאמעד מיטן פּראָסטן עולעם „אלשיך". עס איז הייס, די פּענעמער זייַנען נאָך פארשלאָפן; איינער כאפּט נאָך א דרעמל, דער צווייטער לאָזט ארויס א הויכן געניץ; נאָר ראפּטום, ווען עס קומט צום רעכטן אָרט, מע שמועסט פון יענער־וועלט, פון גענעם, ווו מע שמייַסט די רעשאָים מיט אייַזערנע ריטער; פון ליכטיקן גאניידן, ווו די צאדיקים זיצן אין גאָלדענע קרוינען און לערנען טוירע, — דעמלט ווערן אלע אופגעלעבט; די מייַלער — אָפן, די פּענעמער — רויט... מע הערט זיך איַין אָן אן אָטעם, וואָס עס וועט זייַן אף יענער־וועלט!

כאים שטייט געווייַנלעך באם אויוון. ער האָט טרערן אין די אויגן, עס ציטערן אים הענט און פיס: ער איז אינגאנצן אף יענער־וועלט!

עס לייַדט צוזאמען מיט די רעשאָים; באָדט זיך אין הייסער סמאָלע; ער ווערט געוואָרפן קאפּעקאל, קלייַבט שפּענער אין וויסטע וועלדער... אלץ לעבט ער דורך, און עס באדעקט אים דער קאלטער שווייס... פאר דאָס האָט ער שפּעטער נאכעס גלייַך מיט אלע צאדיקים: דער ליכטיקער גאניידן, די מאלאָ-

כים, דער לעוויאַסן, דער שאַר־האַבאַר און אַלע גוטע זאַכן שטעלן זיך אים פאַר אזוי לעבעדיק און אזוי בוילעט, אז ווען דער מעלאַמעד ענדיקט, גיט א קוש און פארמאַכט דעם סייפער, כאַפּט ער זיך אוף, ווי פון א כאַלעם, טאַקע ווי פון יענער־וועלט.

— אך, — כאַפּט ער שווער דעם אָטעם, וואָס ער האָט איינגעהאַלטן די גאַנצע צייט, — ריבוינעשעלוילעם! כאָטש א שטיקל, כאָטש א פּיצל, כאָטש א בראָקעניו אוילעמהאַבע... פאַר מיר, פאַר מיין ווייב און פאַר אַלע מיינע קינ־דערלעך!

און דעמלט ווערט ער טרויעריק; ער פרעגט זיך: „מישטיינס־געזאָגט, פון וואָס, פאַר וואָס?..״

איינמאָל איז ער נאָכן לערנען צוגעגאַנגען צום מעלאַמעד:

— רעבע, — זאָגט ער, און זיין קאָל ציטערט, — גיט מיר אן אייצע, איך זאָל זוכע זיין צו האָבן אוילעמהאַבע!

— לערן, מיין קינד, טוירע! — הערט ער א טשוווע.

— איך קען ניט!

— לערן מישנייעס... איין־יאַנקעוו, כאָטש פּיירעק...

— איך קען ניט!

— זאָג טילים!

— איך האָב קיין צייט ניט!

— דאַוון ערנסט!

— איך פאַרשטיי ניט, וואָס איך דאַוון!

דער מעלאַמעד קוקט אים אָן מיט ראַכמאָנעס:

— וואָס ביסטו? — פרעגט ער.

— א טרעגער.

— נו, זיי מעשאַמעש טאַלמידיי כאַכאָמים.

— וואָס הייסט?

— טראָג, לעמאָשל, אַלע פאַרנאַכט אין בעסמעדרעש אריין א פּאָר קאַנען וואַסער, די לאָמדים זאָלן האָבן צו טרינקען...

כאַים ווערט דעפּרייט.

— רעבע, — האָט ער ווייטער געפרעגט, — און מיין ווייב?

— אז דער מאַן זיצט אַף א שטול אין גאַניידן, איז דאָס ווייב זיין פוס־בענקעלע.

אז כאַים איז אהיים געקומען האוודאָלע מאכן, איז כאנע געזעסן און גע־זאָגט: „גאָט פון אווראָם". אז ער האָט זי דערזען, האָט אים עפּעס אָנגעכאפּט באַם הארצן.

— נייִן, כאנע, — פאלט ער צו איר צו, — איך וויל ניט, דו זאָלסט זיַין מיַין פוסבענקעלע... איך וועל מיך אראָפּבייגן צו דיר, איך וועל דיך אופהייבן און זעצן דיך נעבן מיר. מיר וועלן צוזאמען זיצן אַף איין שטול, ווי אצינד... עס איז אונדז אזוי גוט צוזאמען; הערסט, כאנע, דו מוזט זיצן מיט מיר אַף איין שטול... דער ריבוינעשעלוילעם וועט מוזן באשטייַן!

1891

★

דאָס שטרײַמל

אליין בין איך א קירזשנער, נאָר דעריקער — א שטרײַמל־מאכער. עמעס איז, אז דאָסראָוו פארנאָסע האָב איך פון פויערשע סערמיענגעס און טרעגער־פעלצלעך.

עס פאלט אויך אמאָל ארײַן לייב מילנער מיטן שאָפן־פעלץ...

עמעס איז, אז א שטרײַמל טרעפט זיך זעלטן, זייער זעלטן, וואָרעם ווער טראָגט הײַנט א שטרײַמל? א ראָוו! און א שטרײַמל לעבט אים שטענדיק איבער.

אויך איז עמעס, אז ווען עס טרעפט זיך שוין א שטרײַמל, מאך איך עס אומזיסט. לעכאָלהאפּאָכעס, לייג איך מײַן ארבעט צו. דאָס אלעס בין איך מודע, און דאָך בין איך דעריקער א שטרײַמל־מאכער, ווײַל א שטרײַמל האָב איך ליב צו מאכן!

אז עס קומט מיר אין די הענט ארײַן, איז פיל איך ערשט, וואָס איך בין און וואָס איך קאָן!

פון וואָס דען — זאָגט אליין — זאָל איך האנאָע האָבן?

איך פלעג אמאָל נאכעס האָבן פון פויערשע סערמיענגעס...

ערשטנס, פארוואָס ניט?

צווייטנס, האָב איך געטראכט: „דאָס פויערל גיט אונדז ברויט, ער ארבעט זומער אזוי שווער און ביטער, און איך קאָן אים ניט שיצן פאר דער זון — וועל איך כאָטש ווינטער, ווען ער רוט, אים אָפּהיטן פון קעלט!"

און דריטנס, האָב איך געהאט א פײַן לידעלע דערצו!

א יונגערמאַן בין איך געווען, א קאָל האָב איך געהאַט, ווי א גלאָק, און איך פלעג נייען און זינגען:

שטעך, נאָדל, שטעך,
א לעדער, ווי א בלעך,
א פּוטער, ווי א באַרשט,
ס'מאַכט זיך א סערמיענגע פּײַן,
ס'וועט דעם פּויערל וואַרעם זײַן...
מיריעם־לעב, מיך דאַרשט!

און אזוי ווײַטער! נאָך עטלעכע סטראָפן... און דאָס גאַנצע לידל, פאַרשטייט זיך, איז נאָר געמאַכט געוואָרן, עס זאָל אויסקומען דער — „מיריעם־לעב, מיך דאַרשט!"

— ווײַל איר מוזט וויסן, אז די הײַנטיקע אישע־צנועה[1] מאַראַס מיריעם־דוואָשע איז דעמאָלט נאָך קיין גאַבעטע ניט געווען, זי האָט מיך ניט גערופן, ווי הײַנט, „בערל קאַלבאַס", נאָר „בערעלע", און איך פלעג זי רופן „מיריעם־לעב", און עס איז געווען א גרויסע ליבשאַפט צווישן אונדז. און קוים האָט זי דערהערט, אז מיך דאַרשט, האָט זי באַלד דערלאַנגט א ביסל ווײַנשל־שנאַפּס!.. און איך פלעג זי טאַקע טאָך קעדיי דיבער[2] אָנכאַפּן באַם קלייד, דערלאַנגען א ברענענדיקן קוש אין די רויטע קירשן אַרײַן... און טאָפּלט דערפרישט, נעמען זיך צו די סערמיענגעס!

הײַנט — אויס קירשן!

איך הייס „בערל קאַלבאַס", זי — „מיריעם־דוואָשע"... אויך בין איך געוואָר געוואָרן, אז ערד איז דאָ ווייניק, פּויערים — א סאַך... מע זאָגט, צו פיל... איז די „איבעריקע" פּויערים לײַדן הונגער, אז אפילו פון זעקס מאָרג ערד קאָן מען ניט לעבן, אז ווינטער, דעריבער, רוט דאָס פּויערל ניט.

ס'גייט ערשט א „זוואָזקע"!

א שיינע רו האָט ער עס ווינטער! גאַנצע טעג און נעכט פירט ער ווייץ אין לייבלס מיל אַרײַן!

1 אישע־צנועה — א פרומע פרוי.
2 טאָך קעדיי דיבער — אין די רייד.

2*

וואָס קלערט איר? איך קאָן א סאך נאכעס האָבן, אז מײַן סערמיענגע, מײַן פּראצע, ווערט א גאנצן ווינטער איסגעווייקט, נאָכקריכנדיק א פּאָר פּעגירישע פערד, וואָס שלעפּן לייבל מילנערס טוויע פאר דרײַצן גראָשן א זאק פאר פינף מײַל וועגס.

פּשו!.. און וואָס האָב איך פאר א נאכעס פון א טריעגער־פּעלצל?

א גאנצן ווינטער טראָגט עס זעק מיט מעל אין לייבל מילנערס מיל ארײַן, און א גאנצן זומער ליגט עס פארזעצט אין שענק פאר כײַ[1] גראָשן.

עלעל־צײַט[2], אז מע ברענגט עס מיר אופצוריכטן, ווער איך נאָר שיקער פונעם רייעך פון שלעכטן בראָנפן!

און אז לייבל מילנערס שאָפּן־פּעלץ, ביכווידוי אווועאצמוי[3], פאלט מיר אין די הענט ארײַן; ווי מיינט איר, האָב איך נאכעס דערפון?

עס איז טאקע א שאָפּן־פּעלץ, עס איז טאקע א קאָווער, מע האָט טאקע דערפאר דערעכערעץ אין שטעטל, נאָר עס קומט דערפון קיין גוטס ניט ארויס.

איך האָב א מיִעסע טעווע געקריגן: איבער וואָס איך זע, האָב איך ליב צו קלערן; פונוואנען עס קומט? פארוואָס עס איז אזוי? צי קאָן ניט אנדערש זײַן? און אזויווי איך קריג לייבל מילנערס פּעלץ אין די הענט ארײַן, הייב איך אָן צו קלערן.

— ריבוינעשעלוילעם! נאָך וואָס האָסטו באשאפן אזויפיל מינים פּעלצן? פארוואָס האָט איינער א שאָפּן־פּעלץ, דער צווייטער — א טרעגער־פּעלץ, דער דריטער — א סערמיענגע, און דער פערטער — גאָרניט?

און קוים הייב איך אָן צו קלערן, פארטראכט איך מיך, די נאָדל בלײַבט שטיין און האָישע־צנוע מאָראס מיריעם שעטיכיע[4] ווארפט מיר, וואָס עס קומט איר אונטער דער האנט, אין קאָפּ ארײַן...

זי וויל גלײַך מיט אלע, אז „בערל קאָלבאס" זאָל ווייניקער קלערן — און מער ארבעטן!..

נאָר וואָס זאָל איך טאָן, אז איך מוז קלערן! אז איך וויים פּאָרט, אז לייבל מילנער לאָזט זיך ניט פריִער איבערשטרײַכן דעם שאָפּן־פּעלץ, ביז ער רײַסט

---

[1] כײַ — אכצן.

[2] עלעל־צײַט — א נאָמען פון א כוידעש לויט דער רעליגיִעזער צײַטרעכענונג (אַן ערעך אווגוסט־סענטיאבער).

[3] ביכווידוי אווועאצמוי — מיט זײַן אייגענעם קאָווער (איראָנישער אויסדרוק).

[4] די פרומע פרוי מיריעם, זאָל לעבן.

ניט אָפּ א גראָשן פון זאַק דער סערמיענגע, און דעם אייגענעם גראָשן פון פּוד דעם פּעקל...

נו, זאָל איך פון דעם נאכעס האָבן?

אָך, איך האָב שיר ניט פארגעסן!

א וואָך פאר סליכעס[1], האָט זיך מיר שיר ניט געמאכט א נייע־מאָדנע ארבעט... וואָס וויַבער קאָנען! עס קומט ארײַן פריידל די גאבעטע מיט שרעקלעך־גרויסע האנטשן אף די הענט; איך קוק מיך צו, עס איז א פּאָר פויערשע שטיוול — איך האָב געמיינט, אז איך פלאָץ פאר געלעכטער.

— גוט־מאָרגן, — מאכט זי צו מיר מיט איר זיס־אָפּגעריסן קעלכל, — גוט־מאָרגן, בערעלע!

זי איז מײַן וויַבס כאווערטע און פירט זיך, פונקט ווי די גאנצע שטאָט, און רופט מיך „בערל קאַלבאס", הײַנט: „בערעלע"! און אזוי זיס — אײַנגעמאכטס דערפון צו פרעגלען! פארשטיי איך שוין, אז זי דארף עפּעס צו מיר...

איך קלער, אז זי האָט די פויערשע שטיוול פון א וואָגן „אראָפּגעצויגן" (עס איז דאָך ניט ערגער פאר קליינגעלט פון צדאָקע־פושקע) און וויל בא מיר די סכוירע באהאלטן.

פרעג איך זי שטרענג:

— וואָס ווילט איר?

— באלד מיט „ייִרגאָזן"[2], — ענטפערט זי נאָך זיסער, — האָניק רינט פון איר אלטן מויל ארויס, — באלד: „וואָס ווילט איר?" — און ווו איז דער „גוט־יאָר"?

— זאָל זײַן „גוט־יאָר", נאָר אן עק.

— וואָס אײַלסטו זיך, בערעלע? — שמייכלט זי נאָך זיסער. — אָט בין איך געקומען דיך פרעגן, אויב דו האָסט ניט עטלעכע שטיקלעך פוטער.

— און וואָס איז, אז כ'האָב?

— וואָלט איך דיר אָנגעשלאָגן אן אייסעק, — מאכט זי.

— נו? ארויס דערמיט! רעדט!

---

[1] סליכעס — אזוינע טפילעס.

[2] ייִרגאָזן — שטארקער קאַס.

— דו זאָלסט זײַן א גוטער „בערעלע", וואָלסטו מיר אויסגעבעט אָט די שטיוול מיט שטיקלעך פוטער, איך וואָלט געהאט אין וואָס צו גיין צו סליכעס, און דו וואָלסט דיר גאָר וואָלוול א מיצווע געקויפט!

איר פארשטייט א מיסכער? א „וואָלוועלע מיצווע"!

— איר ווייסט דאָך, — זאָג איך איר, — אז בערל קאָלבאס איז ניט קיין באַל־אסקן אף מיצוועס?[1]

— נאָר וואָס? פון אן אָרעמער ייִדענע וועסטו געלט נעמען?

— נו, ניט קיין געלט! איך וועל עס אײַך טאָן פאר גאָר א קלייניקײַט: איך וועל אויסבעטן די שטיוול, און איר וועט נאָר מיר דערציילן אײַערע כאַטאס־נעורים[2].

ווײל זי ניט, האָב איך זי אָפּגעשיקט צו אן אײַנבינדער!

בעט איך ניט קיין שטיוול אויס! עס איז מיר אזוי אויך נימעס אומאָעס פארן לעבן! איר לאכט? און דאָך, אז איך האָב ניט קיין שטרײַמל, איז מיר אלעס נימעס אומאָעס! ווארעם וואָס? אף וואָס ארבעט איך? אלץ דעם שטיק כוימער[3] אָנצולייגן? און מיט וואָס? מיט ברויט און מיט קארטאָפל, ברויט אָן קארטאָפל און גאנץ אָפט נאָך מיט קארטאָפל אָן ברויט... קעדײַ?

גלייבט מיר, אז א מענטש ארבעט פופציק יאָר און עסט פופציק יאָר טאָג־טעגלעך קארטאָפל, מוז אים נימעס אומאָעס ווערן דאָס לעבן! מוז אים דאָך אמאָל אײַנפאלן — זיך אָדער לייבל מילנער א מײַסע צו טאָן! און אויב איך עס ווײַטער רויק מײַנע קארטאָפל און ארבעט ווײַטער, האָב איך עס נאָר דעם שטרײַמל צו פארדאנקען!

אז איך קריג א שטרײַמל אין דער האנט ארײַן, ווערט מיר אופגעפרישט דאָס בלוט אין די אָדערן! ווייס איך, נאָך וואָס איך לעב!

— —

מאכנדיק דאָס שטרײַמל, פיל איך, אז איך האלט א פויגל אין דער האנט, און אָט וועל איך זי עפענען, וועט דער פויגל ארופליִען הויך־הויך, קוים מיטן אויג צו דערזען!

און איך וועל שטיין און קוקן און קוועלן: דאָס איז מײַן פויגל, איך האָב אים געמאכט, איך האָב אים ארופגעשלאָגן אין דער הייך!

---

[1] פארנעם זיך ניט מיט קיין מיצוועס.

[2] כאטאס־נעורים — יוגנט־זינד.

[3] דעם שטיק כוימער אָנצולייגן — געמיינט: אָנשטאָפּן דעם מאָגן.

אין שטאָט, באַרעכהאשעם, האָב איך קיין דייע ניט, צו קיין אסיפע רופט מען מיך ניט, אליין גיין — בין איך קיין שנײַדער ניט, איך קום ניט קימאט ארויס אין גאס ארײַן! איך האָב קיין שטאָט ניט, ניט אין שול, ניט אין בעס־מעדרעש, ניט בא א מיניען! איך האָב אף גאָרנישט, אין ערגעץ ניט צו שאפן... אינדערהיים איז מאָראס מיריעם די רײַטערקע! איידער איך פרווו עפענען דאָס מויל צו ריידן א וואָרט, באהאָגלט זי מיך מיט קלאָלעס! זי ווייסט שוין, וואָס איך וויל זאָגן, וואָס „בערל־קאָלבאס" מיינט, — און עס קאָכט!

נו, וואָס בין איך? א גאָרניט! און דאָך לאָז איך אמאָל ארויס א שטרײַמל אף קאָהאָל — בייגט זיך קאָהאָל אינדרײַען!

איך זיץ אינדערהיים און שווײַג, און מײַן שטרײַמל שאָקלט זיך אויבנאָן אף א כאסענע, אף א ברים... עס הוידעט זיך איבערן גאנצן אוילעם בא דער קאלפי[1], בא א דינטוירע.

און אז איך דערמאָן מיך אין דער גדולע, וואקסט מיר טאקע דאָס הארץ...

קעגניבער מיר ווינט א שמוקלער... איך בין אים, אָסער, ניט מעקאנע!

זאָל זײַנער אן עפּאָלעט, אָדער א שליפע, זאָגן אף איין אָקס „טארפע"[2] און אפן צווייטן „קאָשער"! אדעראבע, לאָמיר זען! און אז מײַן שטריימל זאָגט אף פיר אָקסן דורכאנאנד: „טארפע"! — ווערט דער קאצעוו אויסגעריסן, די העקער־יונגען באהאלטן די ציין אין בײַטל, דאָס גאנצע שטעטל האָט „נײַן טעג"[3], א גאנצע סאָטניע קאזאקן קריגט פאר א גראָשן א פונט פלייש, און פארפאלן! עס רעדט קיינער ניט א וואָרט!

אָט דאָס הייסט א גוורוע!

איך געדענק דען ניט?! פאראיאָרן איז געווען א פעגירע אף שאָף.

עפּעס, זאָגט מען, מאכן די שעפּעלעך אזוינע מאָדנע האקאָפעס[4], ביז זיי פארדרייען די קעפּלעך און פאלן אנידער טויט. איך בין ניט געווען דערבײַ. „האקאָפעס" איז „האקאָפעס", נאָר מינאסטאם האָט שוין יאנקל קאצעוו געהאט וואָלוול שאָפן־פלייש!

---

[1] קאלפי — א וואל־אורנע (בא וואלן אין דער קעהילע).

[2] טארפע — טרייף.

[3] „נײַן טעג" — נײַן טעג (זומער), ווען מע טאָר ניט עסן קיין פלייש לויט דער יידישער רעליגיע.

[4] מאכן האקאָפעס — דאָס הייסט — דרייען זיך.

דער וועטערינאַר איז געקומען און זאָגט: „טאַרפּע!". מע הערט אים ווי די קאַץ!

ער האָט אַראָפּגעבראַכט פֿירערליי עפּאָלעטן, א פּאָר שליפּעס! מע האָט זיי אַלע אוועקגעגאַנוועט דאָס פֿלייש פֿון אונטער די הענט, און נאָך אפֿן דריטן טאָג האָט דאָס גאַנצע שטעטל געהאַט וואָלוול שאָפֿן־פֿלייש אף וועטשערע!

באַ מײַן שטרײַמל גאַנוועט מען ניט! עס דאַרף קיין שליפּעס, קיין עפּאָלעטן ניט, ער אַליין רירט זיך אויך ניט פֿון אָרט! און קאָלזמאַן מײַן שטרײַמל זאָגט ניט: „עס!", עפֿנט זיך אין שטעטל קיין מויל ניט אוף!

איר מיינט עפּשער, אַז די גוורע שטעקט אין דעם, וואָס איז אונטערן שטרײַמל? אָסער כאַזער!

איר ווייסט עפּשער ניט, וואָס דערונטער איז?

איך, באַרעכהאַשעם, ווייס!

די בריִע איז, באַרעכהאַשעם, פֿריִער אין נאָך א קלענער שטעטל א מעלאַמעד געווען, און מײַן טאַטע, אָלעווהאַשאָלעם, איידער ער האָט געזען, אַז עס וועט שוין פֿון מיר קיין לײַט ניט זײַן, האָט ער מיך אַהין געשיקט צו דער בריִע לערנען! עס איז געווען ראַכמאָנע־ליצלאָן[1], א שלימאַזל, וואָס די וועלט פֿאַרמאָגט עס ניט! א זעלטענער מעלאַמעד!

די באַלעבאַטים האָבן געזען, אַז ער קאָן זיך ניט אף קיין „צורעס מאַטבייע", האָבן זיי אים באַלד אָפּגעריסן א העלפֿט סכירעס, און די צווייטע העלפֿט געצאָלט מיט אָפּגעריבענע צווייערס פֿאַר דרײַערס, אָדער מיט בלעכענע פֿערציקערס; די רעבעצן האָט געזען, אַז זי וועט מיט אים מיט גוטן ניט אַרויס, פֿלעגט זי אים טאָגטעגלעך דאָס בערדל אויסצופּן!

און איר האָט ניט וואָס פֿאַריבל צו האָבן!

ערשטנס, האָט געפֿעלט פּאַרנאָסע; צווייטנס, האָט א ייִדענע ליב צו צופּן; דריטנס, האָט ער שוין אזא בערדל געהאַט, וואָס האָט זיך געבעטן, קימאַט געכאַלעשט, מע זאָל עס צופּן! עס האָט אזוי באַשײַמפּערלעך געבעטן, אַז מיר, טאַלמידים, האָבן זיך אויך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן, און אַלעמאָל האָט זיך אַן אַנדערער געמוזט אַראָפּלאָזן אונטערן טיש, צוכאַפּן זיך צום רעבנס בערדל און אויסרײַסן א האָר!

נו, זאָגט אַליין! קאָן אין אזא בריִע שטעקן א גוורע?

---

[1] ראַכמאָנע־ליצלאָן — גאָט זאָל היטן.

עפּשער מיינט איר, ער איז מיט דער צײַט אנדערש געוואָרן?

אָסער כאַזער! עס איז אין אים קיין שום ענדערונג ניט געשען! די אייגענע קליינע, פאַרלאָשענע, מיט אײַטער פאַרגאָסענע, באַטלאָנישע, שטענדיק דער־שראָקענע אויגן!..

עמעס, פאַר דאַכקעס איז אים דאָס ערשטע ווײַב געשטאָרבן. נו, וואָס איז? מײַ נאַפקעמינע?[1] צופּט אים דאָס צווייטע ווײַב דאָס בערדל! וויבאַלד עס בעט זיך, עס כאַלעשט, מע זאָל עס צופּן, אַז מע קאָן עס ניט אָפּזאָגן! און איך, איך אַליין, ווען איך זע עס, קומט מיר אויך דאָס וואַסער אין מויל אַרײַן: אַ צופּ טאָן!

נאָר וואָס דען איז געשען? ניט מער נאָר, וואָס איך האָב אים אַ שטרײַמל געמאַכט.

איך בין מוידע אומיסוואַדע[2], אַז ניט מײַן אייצע איז עס געווען, מיר וואָלט עס גאָר ניט אײַנגעפאַלן!

קאָהאָל האָט באַשטעלט, און איך האָב געמאַכט! נאָר קוים איז דאָס אייגענע קאָהאָל געוואָר געוואָרן, אַז דאָס שטרײַמל, וואָס זיי האָבן בא מיר באַשטעלט, וואָס איך, אָרעמער „בערל קאָלבאַס", האָב געמאַכט, קומט צו פאָרן און איז שוין אַ וויאָרסט אונטער דער שטאָט, — איז עס אַרויסגעלאָפן מיט אַ סימכע, מיט אַ גדולע! קינד־און־קייט איז אַרויסגעלאָפן, קראַנקע זײַנען פון די בעטן אַרויס! מע האָט אויסגעשפּאַנט די פערד, און גאַנץ קאָהאָל האָט זיך אויף איינ־מאָל געוואָלט אײַנשפּאַנען און שלעפּן מײַן שטרײַמל! גאָט ווייסט, וואָס פאַר אַ מאַכלויקעס עס וואָלט דערפון אַרויס, וואָס פאַר אַ פּעטש, וואָס פאַר אַ מע־סירעס, ווען ניט וואָס אַ כאָכעם האָט אַן אייצע געגעבן: מע זאָל מאַכן אַ לי־ציטאַציע![3]

און לייבל מילנער האָט געגעבן כײַ מאָל כײַ זעהוווים[4], און ער איז געווען דאָס ערשטע פערד!

שטעקט ניט אַ גווורע אין מײַן שטרײַמל?

מײַן אישע־צנוע רופט מיך (אַכוץ „בערל קאָלבאַס") נאָך באַלטײַוועניק,

---

[1] מײַ נאַפקעמינע? — וואָס איז דער אונטערשייד?

[2] איך בין מוידע אומיסוואַדע — איך זאָג דעם פולן עמעס.

[3] אַ ליציטאַציע — אַן אַאוקציאָן.

[4] כײַ מאָל כײַ זעהוווים — אכצן מאָל אכצן גילדן.

אזעסמעכוצעפניק[1], ניוולפעניק[2], קאָלבויניק[3] און וואָס דאָס וואסער ברענגט איר אין מויל אריַין...

עס איז עמעס, א מענטש איז קיין כאזער ניט! איך האָב האנאָע פון א גליַיכווערטל; איך האָב אמאָל ליב, לייבל מילנער, אין די אויגן און אונטער די אויגן, אריַינזעצן א שפּילקע.

נאָר גלייבט מיר, אז ניט דאָס דערהאלט מיך באם לעבן!

מיך דערהאלט באם לעבן איין זאך: איך וויס, אז איך לאָז איין מאָל איך א יויוול ארויס אן אווידעזאָרעלע[4] אף קאָהאָל, און דער גאנצער אוילעם בוקט זיך צו מיר, צו מיַין „מיַיסע־יאָדיַי"[5].

איך וויס, אז מיַין אישע־צנוע, ווען זי קומט אהיים ערעוו שאבעס און יאָמ־טעוו פון יאטקע אָן פליַיש און שעלט דעם קאצעוו, — וויס איך, אז דער קא־צעוו איז א מאקע שולדיק, אז מיַין שטריַימל לאָזט זי היַינט קיין קוגל ניט מאכן!

איך וויס, אז ווען זי נעמט נאָך גאָר א גוטן טאָפּ און וואַרפט אים ארויס אין גאס אריַין, אז דאָס האָט ניט זי, נאָר מיַין שטריַימל דעם טאָפּ ארויסגע־וואָרפן! אז ווען זי נעמט און קניַיפּט אויס פון ראָשטשינע א שטיק טייג און וואַרפט עס אין פיַיער אריַין, און הייבט אוף די הענט און פארגלאָצט די אויגן צום באלקן, וויס איך גאנץ גוט, אז דער באלקן הייבט דערפון גאָר ניט אָן צו וויסן, — אז דאָס האָט גאָר מיַין שטריַימל דאָס שטיקל טייג פארברענט!

און דערביַי וויס איך, אז מיַין אישע־צנוע איז ניט קיין באסיעכידע בא קאָהאָל, און קאָהאָל איז ניט קיין בעניאָכיד בא גאָט, אז קאָהאָל האָט א סאך אזוינע נאָשים־צידקאָניעס[6], און גאָט, באָרעכהאשעם, האָט א סאך אזוינע קאָ־האָלס, און אז מיַין שטריַימל האָט איבער אלע מיליאָנען מיליאסן נאָשים־ציד־קאָניעס צו שאפן!

---

1 אזעסמעכוצעפניק — א פרעכער, אן אומפארשעמטער.

2 ניוולפעניק — אזא, וואָס רעדט מיִעסע ווערטער.

3 א קאָלבויניק — וואָס אין דער קאָרט.

4 אווידעזאָרע — אן אָפּגאָט.

5 מיַיסע יאָדיַי — מיַין ארבעט.

6 נאָשים־צידקאָניעס — גאָטספאָרכטיקע פרויען.

מיליאָנען ווײַבער מאכן ניט קיין קוגל, מיליאָנען טעפּ פלאצן אױף די שטיינער אין גאס. און פון דעם כאַלע־נעמען וואָלט איך מיך אונטערגענומען מעפּארנעס צו זײַן א פּאָלק עוויוינים!

און ווער טוט עס אַלץ? אַלץ מײַסע־יאָדײַ! אַלץ מײַן שטרײַמל!

ווײַטער דער שמוקלער! אָט זיצט ער קעגנאיבער דעם פענצטער; זײַן פּאָנעם גלאַנצט, גלײַך מע וואָלט עס מיט שמאַלץ באַשמירט.

וואָס גלאַנצט עס? וואָס פינקלען אים די לויפנדיקע אייגעלעך?

ער האָט אָנגעדרייט א פּאָר גאָלדענע שליפעס!

ערשטנס, ווייסן מיר, וואָס גאָלד און וואָס מישורא איז! און צווייטנס, ווייס איך, אז א פּאָר שליפעס מוזן צען מאָל מער זעלנער האָבן הינטער זיך, אַלס לייבלס שאָפּן־פעלץ — סערמיענגעס און טרעגער־פעלצלעך! און הײַנט זאָל פּרוּוון די גרעסטע גאָלדענע שליפע אַרויסגעבן א פּריקאַז: „צען אָקסן זאָלסטו קוילען און א האַלבן קאָכן!” „קרענק זאָלסטו קײַען, פּירערלײַ געפּעס האָבן און די מילך עסן אױף דער לינקער זײַט טעלער!” „פון יעדן ביסן זאָלסטו וואַרפן א שטיק אין פײַער צי אין וואַסער אַרײַן!”; אָדער: „יעדער כאָסן מוז מיר פריער ווײַזן זײַן קאַלע, און יעדער קאַלע — איר כאָסן!” „מיט מיר — אַלעס, אפילע צעזעצטערהייט, אָן מיר — ניט א לעקן!”

דע גרעסטע גענעראַלסקע שליפע וועט גאָר די פאַנטאַזיע, די האָזע דערצו ניט האָבן! און ווען יאָ, וואָלט זי געמוזט פאַרזייען מיט נײַע זעלנער די גאַנצע מעדינע...

און וויפל וואָלט דערבײַ נאָך גנייוועס געשען, וויפל קאָנטראַבאַנדע! וויפל וואָלט מען אָפּגענאַרט! ריבוינעשעלוילעם, ווי פאַרמאָגט מען דאָס?

און מײַן שטרײַמל טוט דאָס אַלץ, און שטיל און פײַן, אָן נאַהײַקעס, אָן קאַזאַקן...

ניט אין זיי אַלע שטעקט די גווורע: אין שטרײַמל שטעקט זי, ניט אין פּאָגאָנעס, ניט אין שליפעס, נאָר אַלץ אין שטרײַמל, אין דעם שטרײַמל, וואָס איך, „בערל קאָלבאַס”, מאַך.

...און דאָס נאָר דערהאַלט מיך באַם נארישן לעבן פון קאַרטאָפל.

★

לייענט און פארשפרייט
דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד"!

די אבאָנירונג אפן זשורנאל ווערט אָנגענומען אין אלע אָפּטיילונגען פון „סאָיוזפּעטשאט" אָן באגרענעצונגען ביזן סאָף יאָר, ווי אויך אף דעם 1989.

די אבאָניר־פּרייַז אף „סאָוועטיש היימלאנד" צוזאמען מיט דער כוידעשלעכער ביכער־בייַלאגע:

אף א יאָר — 9 רובל מיט 60 קאָפּיקעס
אף 6 כאדאָשים — 4 רובל מיט 80 קאָפּיקעס
אף 3 כאדאָשים — 2 רובל מיט 40 קאָפּיקעס

★

ЧИТАЙТЕ И РАСПРОСТРАНЯЙТЕ
ЖУРНАЛ «СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД»!

Подписка на журнал принимается во всех отделениях «Союзпечати» без ограничения до конца года и на 1989 год.

Подписная цена на «Советиш геймланд» вместе с ежемесячным приложением:

на год — 9 рублей 60 копеек
на 6 месяцев — 4 рубля 80 копеек
на 3 месяца — 2 рубля 40 копеек

י.־ל. פּערעץ

דערציילונגען און נאָוועלן

מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1988, 64 זײַטן
קינסטלערישע און טעכנישע רעדאַקטור —
ס. טשערניאַק, יע. טשערנינא
קאָרעקטאָר — ב. גערשמאַן

И.-Л. Перец

РАССКАЗЫ И НОВЕЛЛЫ

М., «Советский писатель», 1988, 64 стр.
Под общей редакцией А. Вергелиса
Художественная и техническая редакция
С. Черняк и Е. Чернина
Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 29.02.88. Подписано к печати 18.04.88.
Формат 70×108 1/32. Бумага типографская № 1. Печ. л. 2.
(Условн. печ. л. 2,8). Бум. л. 1. Цена 10 коп. Заказ № 841.

Редакция журнала «Советиш геймланд»,
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

Supplement to "Sovietish Heimland" No. 5, 1988

© Журнал «Советиш геймланд», 1988